STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07999

TSAR UN FREYD

Yudika

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יודיקאַ

צער און פרייד

לידער און דראַמאַטישע פּאָעמען

אַרויסגעגעבן פון איקוף און קאָונסיל פון די לייען-קרייזן
זומער, 1949
טאָראָנטאָ, אָנטעריאָ, קאַנאַדע

110

Printed by
DANETTA PRESS
182 Spadina Ave. - Toronto, Canada
EL. 9696

יודיקא

צווישן אייגענע

■ טייערע דיכטערן יודיקא!

מיט גרויס באגייסטערונג און אנטציקונג געלייענט דעם גרעסטן טייל פון אייערע לידער און פאעמען.

גרויס געזאנג, ביבלישע וויזיע און שפע אין געדאנק, טראָץ דער שיינער און טיפער לירישקייט.

עס מוז געדרוקט ווערן אין א נייעם און שיינעם בוך. איך באגריס אייך שוין מיט דעם דערפאָלג, וואָס אט דאָס נייעסטע לידער־בוך אייערס וועט האָבן און די גוטע קריטיק, וואָס אייער בוך וועט באקומען.

א יישר כוח!

אייער, מיט גרויס אנערקענונג און מיט נייער באגייסטערונג פאר אייער באניי‏טן שוואונג —

אברהם רייזען

בא די חברים סעקולער אין הויז מיט חברטע יודיקא

■ מיט פארגעניגן געהערט די דיכטערן יודיקא פארלייענען איר טיף־פארטראכטע פאעמע „מענטש און צייט".

מ. גיצים

■ הנאה געהאט צו הערן די דיכטערן יודיקא, ווען זי האט געלייענט איר גרויס, כמעט פאאוסטיש ווערק. כ'האָף, אז דאָס דאָזיקע ווערק וועט אריבער־שפרייזן דעם גדר פון קליין־קרייזיקייט און ארייגפליסן אין דער גרויסער וועלט פון אידייען.

זעליק העללער

■ גוואלדיק צופרידן געוועז צו הערן די דיכטערן יודיקא לייענען איר דראמאטישע פאעמע און אנדערע לידער.

ש. סעקולער

■ א גייסטיקער און עסטעטישער פאַרגעניגן איז געווען צו הערן די דיכטערן יודיקאַ לייענען איר דראַמאַטישע פּאָעמע „מענטש און צייט". זיכער איז עס ניט איבערטריבן צו באַהויפּטן, אַז די פּאָעמע וועט זיין אַן אמת־באַדייטנדער ביישטייער צו דער אידישער ליטעראַטור.

לייזער קויפמאַן

■ די ערד איז דער שפּיגל פון יודיקאַס שאַפן, פון איר דיכטערישן מהות. פון דער אייביק־באַזונגענער מוטער נאַטור שעפּט די דיכטערן אירע פרייד־ און לייד־מאָטיוון.

מיטן טיפסטן גלויבן אין די העכסטע און לויטערע געפילן פון מענטשן, וואָס ער טראָגט דורך ווי אַ ליכט אין אַלע פינסטערנישן, אָטעמט אויך יודיקאַס דראַמאַטישע פּאָעמע „מענטש און צייט".

דאָס איז דער שפּיגל פון אונזער דיכטערן, איינע פון די אייגנאַרטיקסטע געשטאַלטן פון אונזער פרויען ליריק.

יעקב גאָטליב

„מיר אַליין"

■ יודיקאַס ליד איז אמתע לירישקייט, ווי עכטע פּאָעזיע פאָדערט. זי שפּינט די לירישע פעדים, וועלכע פאַרבינדן און פאַרוועבן זי מיט דער אַרומיקער וועלט. איר טרויער איז וועלט־טרויער, איר פרייד — וועלט־פרייד.

נחמני

„אידישער זשורנאַל"

■ עס ווירקט אין אירע שירים אַ מעכטיקע באַגייסטערונג פאַר אַלץ, וואָס קומט פאַר אַרום איר, ווי אויך אַ שטאַרקער געפיל פון דער פאַרבונדנקייט פון מענטשן מיטן גרעסטן און קלענסטן אין דער וועלט.

(וועגן „מענטש און צייט") די שטימונג איז ניי אין דער אידישער ליטעראַטור, וואָס איז ביז איצט געווען ווייט פון ראָמאַנטיק און האָט זעלטן געלאָזט אין זיך לעבעדיק ווערן דאָס עכטע וועלט־געפיל.

דר. אסתר עליאַשעוו

■ (וועגן „מענטש און צייט") דאָס דאָזיקע ווערק איז — לויטן בריטן פאַרנעם, קאָלאָסאַלער צאָל פּערזאָנען און פיגורן, וועלכע סימבאָליזירן דאָרט וועלטישע פּראָבלעמען און באַגריפן, רייכע פאַנטאַזיע און לירישע טענער — געוויס אַ גרויסער טריט פאָראויס אין דיכטערישן גאַנג פון יודיקאַ.

נ. גרינבלאַט

יודיקאס ליד איז א ליכטיק בלימל אין אונזער הארבן טונקל־פארצווייגטן דיכטונגס־וואלד פון פייער־שפייענדיקן היינט.

ה. בלאשטיין

■ יודיקא איז א וואונדער און א סוד פאר זיך אליין, ווי די נאטור וואלט איר אנטפלעקט די סודות פון וועלט־באשאף.

„שיקאגא" ר. גראנאווסקי

■ די דיכטערן יודיקא איז א ליכטיקע דערשיינונג אין אונזער לעבן. עס איז א פרייד צו לייענען אירע לידער און עס איז א פארגעניגן צו ריידן און שרייבן וועגן איר.

ווי א גן־עדן ווינטל איז דערפרישנדיק יודיקאס פרימיטיווקייט. זי שרייבט אין דעם סטיל פון בריאת העולם. פונקט ווי אין דער פרימיטיווער נאטור, פעלט אין יודיקאס שאפונג די גראדע ליניע — וואס דער מענטש האט דערפונדן און אויפגעבויט אויף איר זיין ציוויליזאציע. יודיקאס לידער פאסן זיך גאר ניט אין א בוך־פארם. זיי וואלטן געדארפט געשריבן ווערן אויף פאסן קארע פון ביימער אין וואלד — און צעטיילט ווערן ווי מתנות צווישן איינזאמע דורכגייער אויף די וועגן, אדער אפילו צווישן פארהאוועטע קונים אין מארק. עס וואלטן מענטשן אפשר ניט פארשטאנען וואס דאס באדייט, אבער א געפיל וואלט בא זיי פארבליבן, אז עפעס אומגעוויינטלעכעס, און עפעס וואס איז זייער שיין און פריידיק האט מיט זיי פאסירט.

אומפארשטענדלעך, ווילד, און ליב און פרעכטיק — אט דאס איז יודיקא!

„וואכנבלאט" וואלף קראסני

■ יודיקאס לידער זיינען די פערזענלעכע איבערלעבונגען פון א צארט־פילנדיקער דיכטערן. זיי זיינען דאס פאעטישע טאג־בוך פון יארן־לאנגע ליידן און וואנדערונגען.

„מארגן פרייהייט" קלמן מרמר

■ יודיקא איז אריגינעל און אייגנארטיק אין איר שאפן. אייגנארטיק איז אפילו איר טאן און דאס לירישע, וואס זינגט פון איר ארויס. עס איז א טאן מיט אן איינגעהאלטענעם שטילן ריטם.

„קענעדער אדלער" ב. ג. זאק

■ די הויפּט־עקרים פון דער דיכטערנס וועלט-אַנשויאונג: גלויבן, האָפענונג, אָפּטימיזם און ליבע. יודיקאַ גלויבט אין מענטשן, אין זיינע פּאָזיטיווע שעפערישע כוחות, אין זיין „יצר טוב". זי זעט דעם מענטשן אין טאָן, אין טרוים, אין וואַכן.

„קעצעדער אדלער"

נ. י. גאָטליב

■ (וועגן „וואַנדער־וועגן") יודיקאַ איז אָפּטימיסטיש. זי גלויבט אין ליכטיקע טעג, וואָס אָט־אָט קלאַפּן זיי אין טיר פון דער וועלט אונזערער. אָבער איר אָפּטימיזם און גלויבן זיינען מעלאַנכאָלישע, און אַזוי איז איר פרייד — מעלאַנכאָלישע פרייד, און אַזוי זיינען אירע ליכטיקע האָפענונגען — זיס-נאָגנדיקע מעלאַנכאָליע פלאַטערט איבער זיי.

(וועגן „ליטע") דאָ האָט איר די ליטווישע אומעטיק־נאָגנדיקע לאַנדשאַפט, דאָס אידישע שטעטעלע און די געבויגענע הייזלעך. אַלטע מאָטיוון, אָבער באַ יודיקאַ זיינען זיי פריש, רירנד און גלעטנדיק.

אַ וועלט אַ גאַנצע גייט דורך פאַר אייך אין יודיקאַס לידער, אַ וועלט געזען מיט די אויגן פון אַ פרוי, און באַזונגען מיט דער צאַפּלדיקייט פון אַ פרויען־געמיט.

„מאָרגן זשורנאַל"

דר. א. מוקדוני

■ איר ליד ליגט אין איר, אין איר בלוט, אין אַלע אירע חושים, און האָט נאָר ווען ניט ווען אַ געלעגנהייט זיך דורכצורייסן און אַ קורצן בליק טאָן אויף אונז. דאָ און דאָרט דערהערן מיר דאָס טיפערע קול פון איר ליד. דאָ און דאָרט דערזעען מיר דאָס שיינע געשטאַלט פון איר ליד. איר ליד האָט אין זיך פיינע פאָלקסטימליכע איינגעשאַפטן. וואו ניט וואו אין אַ שורה דערקלינגט צו אונז אַ צאַרטקייט און אַ ציכטיקייט, אַזוי דין און לויטער, ווי אין די לידער פון דער ארץ־ישראל׳דיקער הייליקער דיכטערן רחל. יודיקאַ איז פאַקטיש געקנאָטן פון אַזאַ טייג ווי רחל. זי לעבט אָבער אין אַן ערגערער, אַ בייז-ערגערער לאַגע.

יודיקאַס לידער וועבן אויס אין איין הרף־עין אַ בריק פון איר נשמה צו אונזערער: מיר ווערן באַלד מיט זיי היימיש, ווי מיר וואָלטן אויף זיי געוואַרט, און אַז מיר האָבן זיך געזען מיט זיי, זיינען זיי געווען פאַר אונז א בשורה און אַ ברכה.

„קענעדער אדלער"

י. י. סיגאַל

■ איר ליד האָט דעם צויבער פון עכטער פּאָעטישקייט, וואָס פירט אונדז אַריין אין איר וועלט. אירע רירנדיקע פאַרבענקטע לידער וועלן בלייבן אַן אוצר פון דער אידישער דיכטונג, ווייל מיט אַ זעלטענער אויפריכטיקייט און ליכטיקער האַרציקייט זיינען זיי געשריבן געוואָרן פון אַ דיכטערן מיט אַ צעבראָכן געמיט און גלויבנדיקער האַרץ. אירע פריידן, אירע ליידן, די ליבשאַפטן און די האָפענונגען זינגען אַרויס פון די דאָזיקע לידער און זינגען זיך אין אונזער האַרץ אַריין.

„וואָכנבלאַט" שלום שטערן

■ אין איר בוך „וואַנדער־וועגן" גייט יודיקאַ דורך די וועלט־מלחמה, די גרויסע רעוואָלוציעס. זי וואַנדערט דורך פון וועלט צו וועלט. זי פאַרלאָזט איר היימלאַנד. זי קומט צו נייע היימען און לענדער. זי באַזינגט די העלדן פון איר שטעטל. זי זעגנט זיך מיט דער אַלטער שטיבעלע און אַלטן שטייגער פון טאַטע־מאַמעס הויז. זי באַגריסט די נייע צייט, דאָס לאַנד פון נייעם לעבן. זי זינגט אויך פון איר אייגן צער און ליבע. און כאָטש יודיקאַ שרייבט מיט טעמפּעראַמענט, און מאָלט אַזעלכע בילדער פאַרן אויג, וואָס לאָזן זיך ניט פאַרגעסן, סיי צוליב דער פיינער וויזיע, וואָס זי פאַרמאָגט, סיי דורך אירע פאַרגלייכונגען, פונדעסטוועגן פילט מען, אַז יודיקאַ מאָלט פאַר אונדז אַלע אירע בילדער ווי דורך שלייערן. אַלץ וואָס זי זעט, זעט זי ווי איינער וואָס קוקט דורך האַלב־פאַרמאַכטע אויגן צו דער זון — דורך אַ וועלט פון רוישיקע פאַרבן און קלאַנגען. און קלאַנג איז די הויפּט־זאַך, וואָס פילט אויס איר וועלט. לייענענדיק אירע לידער, ווערט דער אויער פאַרשאָטן מיט קלאַנגען, ברוזנדיקע, שטילע, צאַרטע און וויינענדיקע קלאַנגען. קלאַנגען פון פיס פון מיליאָנען סאָלדאַטן. קלאַנגען פון אָרקעסטערס אין זומער־גערטנער. קלאַנגען פון רוישנדיקע באַנען־רעדער. קלאַנגען פון געוויין פון פרויען און קינדער. באַ איר זשומעט די שטילקייט מיט האָפענונג. אירע זונען רוישן מיט פאַרבן און קלאַנגען, ווי איר אייגן געלעכטער, וואָס זי צעוואַרפט אויף שפּיצן פון ביימער און לאָזט אים דאָרט בליען אויף בעסערע צייטן.

יודיקאַ געהערט צו יענע דיכטער, וואָס לעבן אייביק צווישן נעפּל און קלאַנגען. אין אָט דער האַלב־פאַרנעפּלטער און ניט־דערקלערבאַרער וועלט פון קלאַנגען לעבט יודיקאַ. דאָרט שפּינט זי אירע חלומות. פון דאָרט שעפּט זי אירע לידער.

אײדע מאַזע

■ מיין בייטראָג צו יודיקאַס בוך איז אין דעם הייליקן אָנדענק פון מיין ליבן ברודער אברהם יודל יאַראָסלאַווסקי, וואָס די יידישע ליטעראַטור איז אים אַזוי טייער געווען.

נעסיע קופּערסמיט

פון טיפן הארצן

פאר מיין בוך, „צער און פרייד", וואס גייט איצט אריין אין דרוק, איז צו פארדאנקען דער שווערע מי פון דעם טאראנטער קאונסיל פון די לייען־קרייזן באם איקוף, וועלכער האט זיך פארנומען ארויסצוגעבן דעם בוך. מיין דאנקבארקייט צו די טייערע חברטע קאלמאן, חברטע קופערסמיט, חברטע נעפאם, חברטע ל. האפמאן, חברטע אדעל בעלמאן, און אנדערע.

איך דאנק הארציק מיינע ליטווישע גארזדער לאנדסלייט אין שיקאגא, וואס האבן מיך אזוי פריינטלעך אויפגענומען בא דר. הערשל מייערס אין הויז; און דעם חשובן פרעזידענט פון דעם פאראיין, אסקאר מייערס, וואס האט מיר צוגעטראגן א מתנה פון הונדערט דאלער צו אנהויבן ארויסגעבן דעם בוך. באזונדערס וויל איך דערמאנען מיט טיפסטער דאנקבארקייט דעם קאונסיל פון די לייען־קרייזן, און אלע לייען־קרייזן פון שיקאגא, וואס האבן מיר צוגעטיילט דעם כבוד איינצולאדן מיך אויף זייער דערעפענונג פון סעזאן, און די ליכטיקע חברשאפט און פריינטשאפט, וואס זיי האבן מיר ארויסגעוויזן פאר די צען טעג, וואס איך בין געווען מיט זיי צוזאמען, און מיר צוגעטראגן געלט און אנדערע מתנות — די הארציקע עטל רעזניקאוו, די צארטע בײלע יאשין, די פיינע לאה קאץ, די וואונדערלעכע לאה בלום, וואס שטייט ווי א מלאך בא מיין זייט ביז היינטיקן טאג, און אנדערע.

א באזונדערן דאנק צו די לייען קרייזן, וואס האבן מיר צוגעטראגן אן עקסטרא געלט־מתנה: צבי הירשקאן לייען קרייז, ראובן בריינין לייען קרייז, ז. וויינפער לייען קרייז, א. קאפלאן לייען קרייז, שלום אש לייען קרייז.

מיט מיין גרעסטן רעספעקט און איבערגעגעבנקייט דערמאן איך און דאנק די צוויי גרויסע שרייבער און וואונדערלעכע מענטשן, אברהם רייזען און קלמן מרמר פאר זייער העלפן מיר מיט מיין בוך.

איך דערמאן די טייערע, אויף אייביק אוועקגעגאנגענע פון אונזער משפחה: מיין שוועסטער און שוואגער, בערטא און אייזיק פריידהיים, מיט זייער וואונדער־לעכער 12־יאריקער טעכטערל אסתרקע; דעם 23 יאריקן איינציקן זון פון מיין שוועסטער, לעאן מארקוס; מיינע טייערע טאטע־מאמע, לאה טויבע, און זיסל. ערע זייער אנדענק!

יודיקא

צער און בענקשאפט

•••••••••••••••••

לידער און פאָעמען

זינג וועלט!

זינג, וועלט, זינג,
מיט דיין פרילינג און הארבסט,
דיינע זומערס און ווינטערס;
זינג מיט דיין פרייד, מיט דיין צער,
דיין אויפבלי פאַרוויסטונג;
זינג מיט דער לערכע, שוואַלב און אָדלער,
זינג מיט דיין טאָג, מיט דיין נאַכט,
מיט דיין גרויס, מיט דיין פראַכט,
מיט דיין הויך, מיט דיין ווייט,
זינג, וועלט, מיט דיין אייביקייט.

זינג מיט מיליאָנען, וואָס לעבן אין דיר,
וואָס זינגען פאַר דיר,
ווי דו זינגסט פאַר זיי.
זינג מיט דיין פאַרב, מיט דיין קלאַנג, מיט דיין דויש,
זינג מיט דיין טרער, געלעכטער און רו,
זינג מיט אַלץ, וואָס קומט פון דיר.

זינג מיט דיין קאַמף, מיט דיין טרוים, מיט דיין זיג,
מיט דיין גיין אויף פאָראויס
און די צייטן נאָך דיר,
מיט די זילבערנע נעפלען

און גאָלדענע שטראַלן,
מיט דיין וויסן, דיין דענקען און פילן.

זינג מיט די בערג, מיט די ימען און טאָלן,
זינג מיט די מדבריות און ביידע וועלט־פּאָלן,
מיט די שטעט, מיט די דערפער, דעם פעלד און פאַבריק,
זינג, וועלט, מיט אַלץ וואָס דו פאַרמאָגסט —
מיט דיין אַנטפּלעקונג דיין וואָרט און דיין סוד,
ווייל דו ביסט דער פלאַם פון אייביקייט,
און מיר — נאָר די פונקען, וואָס שפּריצן פון דיר.
זינג, וועלט, פאַר מיר,
ווי איך זינג פאַר דיר.

מיין פאָלק

פאַר מיינע טריט ליגט אויסגעשפּרייט דער נע־ונד,
און מיינע הענט — צו שיצן זיך פון פרעמדן קלאַפּ.
אין מיין האַרצן וואוינט אי פרייד, אי צער —
אין איר וואונדערלעכער ליכט, די געטלעכקייט.

מיין נאָמען הויבט זיך אָן מיט אַ קליינעם „יוד" —
און שטראַמט, ווי ימען, וואונדערלעך און אייביק.
קום איך דאָך אַרויס פון יענעם אַלטן שטאַם,
וואָס האָט געגעבן אַלע פעלקער גלויבן —

און איבער גאָר דער ווייט פון אונזער ערד
געבויט דעם היכל פאַר דעם זין פון לעבן.
וועלכעם לאַנד איז ניט מיט אונזער בלוט באַנעצט?
אויף וועלכע שטעט ליגט ניט פון אונזער האַנט אַ שטעמפּל?

מיין מאַמע ביסטו, מיט דעם אייביקן צער אין די אויגן,
און מיט דיין ליכט איז אָנגעזאַפּט אַ וועלט —
באַהאַפטן מיט דעם אָנהויב פון די נעפּלהאַפטסטע צייטן
און מיט דעם אין־סוף צו די ווייטסטע, ווייטסטע ווייטן.

מיין שטעטעלע גארזד א מצבה

אויף דער פאַרוויסטער ערד, וואו דיין וועלט איז געשטאַנען
שוין הונדערטער יאָרן, דורות נאָך דורות,
מיט שטיבעלעך אַלטע, און שטיבעלעך נייע,
קינדער, ווי בלומען און יוגנט, ווי בוימער,
פנימער שטילע, פאַרטיפטע מיט דאגות,
פנימער פרומע, פאַרוועבטע מיט יחוס,
די פרייד און די נויט — אַ געפלאָכטן הבדלה,
וואָס האָט אין אַזוי פיל קאָלירן געלויכטן.

וואו אויף דער ערד איז ניטאַ דיינע פונקען?
און ווער פון דיין שטאַם איז מיט דיר ניט פאַרבונדן
דורך פעדים פון בענקשאַפט?
אַזאַ אייביק נר-תמיד, וואָס ליגט איצט פאַרלאָשן,
אַ בוים, אויסגעריסן פון ערד מיט די וואָרצלען.

ווען אַ געוויין וואָלט געשפאָלטן די הימלען,
און וואָלט אַ געבעט צו דעם העכסטן דערגרייכט,
וואו וואָלט דער העכסטער געקאָנט זיך באַהאַלטן,
עס זאָל ניט דערגיין צו אים דער געוויין —
געוויין פון אַזוי פיל געפייניקטע לעבנס?
און דורות, וואָס האָבן געהאַלטן אין קומען,
זייער געשריי האָט די וועלטן צענומען
און עס וועט זיך הערן ביז דורות די ווייטע.

ווי קאָן מען פאַרשטילן דעם פייער אין האַרצן,
פאַרהאַלטן די ווערטער, וואָס גליען ווי פלאַם?
זיי רייסן אַרויס זיך, ווי קללות פאַרסמטע
צו יענע רשעים, וואָס האָבן געוואַגט —
געוואַגט צו באַפאַלן די וועלט אין איר פראַכט
און אַפּווישן שטעט פון אַן אייביקן לעבן.
צי וועט זיי ניט גרייכן דער פייער פון האַס?
צי וועט זיי ניט סמען זייער אייגן געוויסן?

לידער מיינע

איך האָב אייך ניט געשליפן, ווי פּערעלעך פון ים,
און ניט אין גאָלד און זייד האָב איך אייך אָנגעטאָן —
איך האָב עס קיינמאָל ניט פאַרמאָגט —

נאָר פּשוט, ווי איר זייט, געבאָרענע אויף אַלע וועגן,
אין הונגער און אין טרערן,
זייט איר געלייטערט אין אייער אייגן פּיין.

ווי פולע עמערלעך פון טיפן קוואַל,
האָב איך אייך פון זיך אַרויסגעשעפּט,
מיט אַלע זאָרג און פריידן פון מיין וועלט.

איך גרויס זיך ניט מיט אייך דורך גאווה —
ווי אַ רייכע פרוי,
וואָס פירט זיך אום מיט הינטעלעך, אין בלויען באַנד פאַרפּוצט.

איך האָב אייך ניט געהאָדעוועט אין קאַמערן פון שטילער רו,
נאָר אין קעמערלעך מיט קרומע ווענט,
וואו עס קומט קיינמאָל ניט אַריין די זון.

שפּרייזט איבער אַלע שוועלן
פון אונזער שווערער צייט —
אייערע וועגן זאָלן פירן צו אַ וועלט פון פרייד.

זיין

ווי דאָס ברויזן פון ים איז מיין שטאַרקער פאַרלאַנג,
ווי אומעט פון האַרבסט איז מיין טיפער געבעט:
גיב מיר דעם גליק דיך צו ליבן, אַ וועלט!
איך בין אַזאַ בלום, וואָס וויל ניט פאַרוועלקן אויף דיר,
ווי עס וויל ניט אַוועק די זון פון איר אייביקער ליכט.

דו האָסט מיך געשאַפן — אַ פונק, וואָס וואַקסט צו
אַ ריזיקן פלאַם,
כדי אַז מיין ליכט זאָל באַלייכטן דיין טונקעלן אָנהויב פון זיין,
און הונדערטער, טויזנטער צייטן, וואָס האָבן
די ערד דורכגעשטראָמט,
האָט יעדע געבראַכט, און גענומען, וועלטן פון צער און פרייד.

דו האָסט מיר געגעבן אַ נאָמען, וואָס טראָגט
אַ פאַרבאָרגענעם כוח
דורך יעדערן גליד, וואָס באַוועגט זיך, דורך צאַרטע געפילן
פון האַרץ.
געלויטערט דעם וועג פון דענקען, ווי די זון וואָס דרינגט
דורך יעדן אָרט,
דו האָסט מיך פאַרקניפּט און געבונדן מיט דעם רונד
פון דער ריזיקער ערד.

און יעדע זאַך אין איר צייט האָסטו זיך, וועלט, געפורעמט:
דער טאָג האָט געקראָגן די זון, די נאַכט — לבנה און שטערן;
געמאָסטן, געוואויגן, געטיילט שעהן, מינוטן און רגעס,
פאַר ווינטערס געשאָנקען דעם שניי, און גאָלדענע טרוימען
— דעם זומער.

דו האָסט מיך געשאַפן אַ פונק פאַר דער אייביקער
אומענדלעכקייט,
דו האָסט מיך מיט ליבע געפילט צו דיין הערלעך באַשאַפנקייט,
מיט טויזנט פעדים געבונדן צום אָרט, וואָס עס רופט זיך אַ היים.
גיב מיר דעם גליק דיך צו ליבן, אַ וועלט, מיט דיין
צער און דיין פרייד.

ווי קען איך פֿאַרגעסן

ווי קען איך פֿאַרגעסן אייך, גרינע, נעכטיקע טעג —
וואָס ליגן ווי גאָלדענע זאַנגען פֿון שטורעם צעשטערט,
דער טייערער נאָמען, וואָס האָט זיך גערופֿן — די היים,
מיט הייליקע טרוימען, וואָס רוען אין גריבער פֿון ערד.

נאָר די האָפֿענונג שוועבט, אונזער גאָלדענע פּאַווע —
מיט צעריסענע פֿעדערס.
זי שוועבט איבער גריבער, פֿאַרשניטענע דורות,
זי שוועבט צו די אייביקע ליכט פֿון די הימלען —
און וועקט די נשמות, וואָס דאַרפֿן נאָך קומען.

גאָלדענע פּאַווע פֿון מיינע חלומות,
נעם מיט מיין בענקשאַפֿט צו מיין שטעטעלע קליינעם.
דו וועסט עס דערקענען דורך בלומיקע פֿעלדער,
דורך וועלדער געדיכטע, דורך נידעריקע הייזלעך.

בא יעדערן הייזל אַ קליינינקער גאָרטן,
מיט בוימער געפֿלאַנצט, בייטן מיט בלומען,
מיט אָפֿענע בריקלעך און גלעזערנע גאַניקס —
באַטאָג ליגט די זון דאָרט, באַנאַכט — די לבנה.

אַ טייכל, וואָס לויפֿט זיך, אַ זילבערנער גאַרטל —
דאָרט קומען אָפֿט ווייבער די גרעט אויסצוקלאַפּן.
זיי קלאַפּן די גרעט און דערציילן זיך סודות
פֿון טראָגן און האָבן, און האָדעווען קינדער,
פֿון זאָרג פֿאַר חיונה, פֿון האָפֿן און גלויבן.

דו וועסט דאָרט געפֿינען אַ הויז בא דער גרענעץ,
בוימער און בלומען אַרום בא די פֿענסטער,
אַ שטעגעלע פֿירט צו דעם גלעזערנעם גאַניק,
דאָרט וואו מיר זיינען געווען נאָך צוזאַמען.

אַ וועלטל פֿאַר זיך אין איר אייביקן וואַנדל,
אַזוי ווי אַ טייך ווערט ניט שטראָמענדיק מיד;
אַ נעסט פֿון אַזויפֿיל צעפֿלויגענע פֿויגלען —
אַ, שטעטעלע מיין, ביסט מיין אייביקע ליד.

פרילינג

עס האָט דער פאַרנאַכט, ווי אַ רויטע ליכט,
דעם הימל אָנגעצונדן.
די וואַרעמקייט פון מילדער לופט אָטעמט אויף דער וועלט.
אַזוי פיל פרייד און ווי גיסן זיך צוזאַמען —
און שטאַרקער וואַכט די בענקשאַפט אויף
נאָך אַביסל פרייד.

די יוגנט, ווי אַ שיפעלע אין שטורעם, אָפּגעשוואומען...
און איבער וועגן ציטערן נאָך די זינגענדיקע טריט.
אַזויפיל האָפענונגען זיינען אויסגערונען,
אַזויפיל וואונדערלעכע לעבנס אָפּגעווישט.

די שוועלן מיינע — אָפּגעצאַמט מיט דערנער,
איבער לענדער ליגן נאָך די חורבות ניט דערראַמט,
פאַרבלוטיקט קוקט די וועלט מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס
און בעט — גיב מיין פרידן מיר צוריק, מיין רו.

און מיר, וואָס זיינען אומעטום די זינגענדיקע בויערס,
גייען און קומען, דאָס אומגליק און דאָס גליק,
שטענדיק צוגעגרייטע פאַר צערייצטע חיות,
שטענדיק מוזן מיר פאַרלאָזן אונזער האָב און גוטס.

און איך אַליין ? אַ וויזערל אויף אַ ריזיק ציפערבלאַט —
לויף און לויף, פון טאָג אין נאַכט, פון נאַכט צוריק אין מאָרגן.
צוויי הימען האָב איך, וואו איך שטעל זיך אָפּ —

איינע רוישט מיט אייזנס און מאַשינעס,
מיט האָס און כעס, מיט טרערן און מיט פיין —
אַ שטיקל טעגלעך ברויט, אַ בעכער וויין געמישט מיט סם.

די צווייטע ליגט אין אייביקן פאַרנאַכט.
די מויער־וואַנט, וואָס שטייט פאַרביי די פענסטער,
לאָזט נאָר דורך אַ דינעם ווייסן שטראַל,
וואָס גלעט די קרומע ווענט, די אויסגעבויגענע טירן.

אַ טיש, וואָס ס׳ציטערן באַ אים די פיסלעך,
אַ בעטל דאָ, אַ בעטל דאָרט,
נאָר איבער אַט דער אָרעמקייט לייכטן הונדערטער ביכער,
וואָס וועבן אין די שמאָלע ווענט חלומות פון דער וועלט.

איך טראַכט פון דיר

איך טראַכט פון דיר און זע דיך מיט אַזויפיל נאָענטע אויגן.
אויף דער וועלט ליגט איצט דער אַנהויב פון רייפן זומער־טאָג,
און ווי אַ בלויער, דורכזיכטיקער פליגל
שפרייט זיך דער באַגינען, וואַקסט און העלט
אויף שטיבעלעך, אויף ביימער און אויף בלומען,
ווי עס וואָלטן קינדער זיך צונויפגעקומען.

עס איז נאָך פרי... יום־טוב שלאָפט דאָס שטעטעלע
אַביסל לענגער.
אַלץ איז פאַרן טאָג היינט צוגעגרייט.
אויף טישן דרעמלען נאָך די ווייסע טישטעכער און לייכטער
מיט דעם אויסגעשמעלצטן חלב פון די ווייסע ליכט.

דאָ אַ ריינע העמד, אַן אויסגעפּרעסטער אַנצוג,
און דאָ אַ שפּאָגל נייע קליידל פאַר אַ קינד.
דער טלית מיטן סידור ליגן צוגעגרייטע.
באַםווינקל פון קאַמאָד אַ בינטל צווייגן בלויע בעז.

ס׳איז יום־טוב היינט. די קראָמען מיט די יאַטקעס צוגעשלאָסן.
עס קלאַפּט ניט היינט קיין האַמער בא דעם שמיד.
דאָס גאַנצע שטעטעלע פון מענטשן האָרעפּאַשנע
רוען זיך אין פרידן, די זאָרגן הינטער זיך.

און ס׳וואַרטן גאַסן, וואַלד, דער טייך לעבן דעם גאָרטן.
דער הימל ליגט שוין ווי אַ בלוי שמאַראַגד.
באַלד, און ס׳וועלן אַנהויבן צו עפענען זיך טירן
און קינדער פריילעכע וועלן אַרויס צום נייעם טאָג.

האָט דאָס שטעטל היינט איר יום־טוב־טאָג פאַרגעסן?
ווילן קינדער זייער קינדער־שפּיל ניט מער?
און ניט קיין אידן גייען היינט צום שול־הויף,
און ניט קיין טירן עפענען זיך אויף?

ווילן קינדער היינט זיך ניט צוזאַמענקומען,
אויפפירן אַ שפּיל פון טענץ און זינגען?

אין סענט קאָסט נאָר אַריינצוגיין!
עס איז אַ גרויסע פּאָדער שטיבל אין דעם שניידערס הויז —

אַלע קינדער וועלן זיצן אויף דעם דיל, דעם ריינעם,
אויסגעקעמט און אויסגעפּוצט, מיט שלייפעלעך און בלומען...

אפשר איז עס היינט גאָר ניט קיין יום-טוב טאָג?
פאַרוואָס זשע שטייען אַלע קראָמען צוגעשלאָסען,
און ניט קיין שמיד, קיין שוסטער און קיין שניידער
לאָזן זיך צום מאַרק פּרנסה זוכן?

לאַנג איז שוין די זון אין מיטן הימל,
נאָר דאָס שטעטל קען זי ניט געפינען.
וויסטע חורבות, ציגל, גלאָז און שטיינער,
וואו עס איז אַ גאַס געווען, ליגן טויטע לייבער.

איך טראַכט פון דיר, און זע דיך מיט אַזוי פיל נאָענטע אויגן,
נאָר די אויגן קוקן איצטער מיט דעם ווײ און ווינד —
ווי קריסטוס אויפן צלם.
איך וויים, עס וועט קיין צייט ניט בלייבן שטיין,
און ניט געשטאָרבן איז דאָס אידיש פאָלק —

נאָר די, וואָס איך האָב אַזוי ליב געהאַט,
זיינען מער אויף אייביק שוין ניטאָ.

און בא דער שוועל, וואָס איז אַמאָל געווען מיין היים,
וועל איך קומען, קומען דורכן חלום אָפט צוגיין,
און מיט אַ שטילער טרער וועל איך קושן דיך,
מיין בענקענדיקע ערד,
ווייל קיינמאָל וועסטו פון מיין הארצן ניט אוועק.

שטילקייט

די שטילקייט וואַכט מיט טויזנט אויגן,
חלומות קלאָרט זי אויס אין וואָר;
די וואָר באַווייזט זי דיר אין אַלע אירע פאָרמען
און לאָזט דיך גיין צו אַן אומבאַקאַנטער וועלט.

זי רעדט צו דיר דורך נעפּלהאַפטע ווייטן,
רייד פון דורות, פאַרזונקענע אין תהום.
זיי ריידן דורך די טיפע ערדענע קוילן,
דורך אַרץ און שטיין, דורך אַלץ וואָס קומט פון ערד —

די ערד, וואָס שטעלט קיינמאָל ניט אָפּ איר גאַנג,
די אייביקייט, אָן אָנהייב און אָן סוף,
און דורות קומען, דורות גייען אָפּ —
פון העכסטע ליכט ביז ווייטסטע — גאָרנישט מער.

די שטילקייט וואַכט מיט טויזנט אויגן,
דער מענטש מיט אַלע חושים וואַכט;
נאָר איינער לעבט דעם צווייטנס יונגע יאָרן
און איינער לעבט דעם צווייטנס גרויען האַרבסט.

די שטילקייט בענקט אין העלן ליכט פון מאָרגן,
די בענקשאַפט האָט ניט קיין פאַרצוימטן וועג —
זי וואַנדערט איבער גרענעצן פון צייטן
און פירט אַזוי אַ וועלט מיט וועלט צונויף.

בענקשאַפט

איך וואָלט איצט צו דיר זינגען, ווי בוימער אין פרילינג,
באַלאָדן מיט בלויען און בלייכן, מיט זילבערנעם מאַי,
אַריבער די געסלעך צעוואָרפן אַהין און אַהער,
אונטער אַ ראָזן, אַלבאַסטערנעם שטילן באַגינען.

און קוקט מען אַזוי פון מאַרק־פּלאַץ דעם ברייטן
אַרויפצו, וואו ס׳ציט זיך די לאַנגע גאַס,
דאַכט זיך, זי ווערט דאָרט צוזאַמענגעשוואומען
מיט בלויען הימל און ליכטיקער ווייט.

הינטער די געסעלעך ליגן די פעלדער,
גערטנער, טייכן, דער גרענעץ און וואַלד —
אַ ריזיקע שלאַנג אין וואונדערלעכע פאַרבן,
וואָס ליגט אין מיין אייביקן חלום פאַרטראַכט.

אייביקער ליטווישער חלום

אייביקער ליטווישער חלום,
אַ חלום, וואָס וועבט זיך ניט אוים —
צי קען דען די ליטווישע בענקשאַפט
אויפהערן ווען צו פאַרגיין?

איך האָב דיר, מיין היימלאַנד, צו ביטן,
מיט ווייטקייט, דורך ימען, צעשיידט —
נאָר עס שיידט זיך ניט אָפּ פון מיין האַרצן
דיין נאָענטקייט, דיין צער און דיין פרייד.

דער ניגון, וואָס זינגט זיך כסדר,
איז דער אָטעם פון ליכטיקע טעג,
דער אָטעם פון זון און פון בלומען,
פון ווינטן, פון שניי און פון קעלט.

דאָס שטעטעלע בייט אירע פאַרבן,
פון אומעט אויף פרייד, און פאַרקערט.
עס בייטן זיך דורות און צייטן,
ווי דאָס מורמלען פון טייך אין אַ ווינט.

און ס׳דאַכט זיך, אין יעטווידער ניגון,
וואָס זינגט זיך אַצינד פון מיין היים,
זינגען פאַרלאָרענע דורות
מיט דעם אייביקן צער פון פאַרגיין.

מיין מאַמען

(מיין מאמען,
דער שייטלמאַכערקע)

באם דערמאָנען דיך היינט, מיין אָרעמע היים,
וויפיל צער דו וועקסט אויף אין מיין הארצן!
וויפיל ניט־דערזונגענע פרייד,
וויפיל ניט־דערוויינטע טרערן!

ווי וויט איך קען אַ בליק טאָן אויף צוריק,
זע איך דיך, אָ, דו מאַמע מיינע,
קרעכצנדיק פון שווערער נויט געדריקט,
ווי דוווישט פאַרבאָרגן זיך די טרערן.

ווי אָפט איך בין דורך נעכט געלעגן וואַך,
געקוקט אויף דיינע הענט, די מידע פינגער,
ווי זיי האָבן זיך באַוועגט דורך פעדים־שפּיל,
מיט בינטלעך האָר, געוועבט צום גרויסן טרעס־באַנק.

אין שטוב האָבן די שאָטנס זיך געוויגט,
אויף ווייסע ווענט, אַ גרויע נעץ פון שפּינוועבס.
באם קליינעם לאָמפּ האָט זיך דיין קאָפּ באַוועגט,
דער פּנים בלייך, מיט אויגן שלאָפנדיקע, מידע.

און ווען פון נאַכט האָט אויסגעשפּראָצט באַגינען,
דער לאָמפּ האָט שוין אַ טרוקענער געצאַנקט,
ביסטו געזעסן שטיל, דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
די אַרבעט אין דיין שויס — אַ שלאָפנדיקער שוואַן.

די בעקערקע שרה

(דעם דיכטער און פריינט,
י. י. סיגאל)

דאָ וואוינט די בעקערקע שרה.
דאָס שטיבל מיט פענסטערלעך דריי,
אין פענסטערלעך בייגל און חלה,
און דער בלויער הימל מיט זיי.

דער הימל פון זומער פאַרנאַכט,
די זון — אַזאַ גאָלדענער באַל:
דאַכט זיך, זי שפּילט זיך מיט קינדער
און יאָגט זיך אַרומעט מיט זיי.

ליטווינער קומען פון דערפער
מיט דעם גרויען באַגינען אויף טאָג,
און שרה גרייט זיי דעם טיש צו
מיט הערינג, מיט בייגל און טיי —

און קוועלט ווי זיי עסן דעם מאָלצייט.
„עך, סאַרקעלע — רופן זיי אוים,
די אידעלעך — טייערע מענטשן,
אַ לעבן אויף זייערע קעפּ.“

און שרה קלאַפּט זיי די פּלייצעס:
„עסט, טאַטעלעך, עסט!“
און לויפט אום פון איינעם צום צווייטן
און רוט זיך פון אַרבעט ניט אָפּ.

נאָר פרייטיק פאַרנאַכט ווערט פאַרשוואונדן
יעדערער שפּור פון געשעפט.
אין פענסטערלעך ליכט געבענטשטע,
און שרה — שבתדיק, שטיל.

און איינע-אין-איינע די שטיבלעך
ווערן באַשטראַלטע מיט ליכט:
אַ סימן פון רו און פון פרידן —
אַ קלאָר-ווייסע פאָן נאָך אַ קריג.

איך צינד די ליכט פאַר אייך

איך צינד די ליכט פאַר אייך היינט —
מאַמעס אונזערע, שוועסטער
פון אונזער גרויסן בלוטנדיקן פאָלק.
פאַר אייך, מאַרטירער, אומגעקומענע
אויף אַלע טיילן פון דער וועלט.
אין קעלערס פינסטערע, טאָלן, וועלדער
און אין לאַגערן פון טויט,
פאַרהונגערטע, פאַרפייניקטע,
האָט איר אין דמיון אייערע ליכט געבענטשט.

די הענט אין פינסטערניש געשטרעקט איבער יענע ליכט,
וואָס איר האָט פון אמאָל געבענטשט
אין די אייגענע פיר ווענט,
מיט זין און טעכטער, און מיט אייניקלעך,
וואָס האָבן פול געמאַכט אייער הויז מיט פרייד.
ס'איז היינט אַ צייט פון אידישן געוויין,
פון אידישן צער,
ס'איז איצט אַ צייט, וואָס האָט צעריסן — און פאַראייניקט
אַלע אידן פון דער וועלט.

איך צינד די ליכט פאַר אייך.
אין די פלאַמען ווערט איר נאָכאַמאָל געשאַפן.
עס דעקט די מאַמע צו איר קאָפּ מיט ווייסן שאַל,
ווי פריש־געפאַלן שניי.
די אויגן קוקן רואיקע, און פול מיט צער אין זיי,
עס זאָל ניט גאָט, חלילה, איר די פרייד צעשטערן.

די שטוב איז אויפגעראַמט, די דילן ריין,
צעלייגט מיט אויסגעוועבטע דעקעס.
די סאָפע, טישן, זיינען היינט מיט ווייס פאַרדעקט.
באַם פענסטער חלומען די בלימעלעך
מיט וועלקנדע יורגינען.
און אויפן וועג ליגט נאָך דער גלאַנץ
פון דער אונטערגייענדיקער זון.

עס ברענט די ליכט, די מאַמע שטרעקט די הענט.
זי רינגלט אום די פלאַמען און הויבט די אויגן אויף:
„איך צי און צינד די ליכט פאַר דיין הייליקן נאָמען.
מיט ערפורכט און מיט מורא שטיי איך היינט פאַר דיר —
זאָלסט ניט, חלילה אונז צעשיידן איינס פון צווייטן,
און אָנשרייבן צום לעבן און געזונט.”

זי קוקט זיך אום, די קינדער שטייען שטילע.
זי קוקט אויף יעדן קינד און ווינטשט זיי אַלדאָס גוטס.
באַם טיר שוין בלייבט זי שטיין און קוקט זיך ווידער אום.
דאַן קושט זי די מזוזה און גייט פאַרטראַכט אין שול.
די שוועסטער האָט געבענטשט פון אירע ליכט
און האָט דאָס טיכל פון איר קאָפּ אַראָפּגענומען.
אַן אויסגעפוצטע, מיט אַ פרומען פּנים,
קושט זי אירע קינדער, וואָס שטייען איר אַרום.

אין שטוב איז שטיל. אויף טישן צוויי ברענען ליכט.
די הייליקייט פון שטיל געבעט שוועבט אַרום אין שטוב.
דורך טירן אָפענע, פון איעדן קאַמער,
רוקט זיך אַזאַ שטילער, זילבערנער פאַרנאַכט,
און ס׳דאַכט זיך, אַז ערד און הימל ליגט פאַרטראַכט.

איך צינד די ליכט פאַר אייך היינט, מאַמעס אונזערע און שוועסטער.
עס ליגט שוין יענע צייט מיט ווי און ווינד פאַרדעקט.
פון דורות דריי די ליכט פון הייליקן יום-טוב
האָט דער ברוינער דייטש פאַרלאָשן פון דער וועלט.
לייכטן אין די ליכט זייערע ניט-דערלעבטע לעבנס,
שוועבט אַרום דער ווי פון זייער לעצטן בליק.
און ווי אַ קינד פאַרמאַך איך מיינע אויגן
און וויין, מיין פאָלק, צוזאַמען היינט מיט דיר.

שטילער פאַרנאַכט

(לעבן טיפ־טאַפ טעילאָרס)

שטילער פאַרנאַכט, הייליק דרינגסטו אריין אין מיין האַרץ.
דו ביסט די שעה, וואָס פאַרשרייבט
יעדן צער, יעדע פרייד פון דער וועלט.
דו ביסט די בענקשאַפט, וואָס נאָגט,
דער שוועבנדיקער טרוים.
דו ביסט די שיינקייט פון זיין
און דער צער פון פאַרגיין.

עס גייט אָפּ דער טאָג,
ווי עס בליט אָפּ אַ בלום אין איר צייט.
ווי אַ וואונדיקער אָדלער שפּרייטסטו זיך איבער דער ערד
און קושסט יעדן שטיין, יעדן גראָז
אין דיין שטילן געבעט,
און גלעטסט איבער די, וואָס בלוטיקן איבער דער ערד
און טרוימען דעם לעצטן געבעט,
ווען די האָפענונג שטאַרבט,
און דאָס לעבן בלייבט שטיין באַם שוועל פון דער וועלט,
ווי אַ באַליידיקט קינד.

שטילער פאַרנאַכט, אַן איינזאַמע שטיי איך מיט דיר,
און ווייט אַרום מיר
ליגן פעלדער אין אומעט פון האַרבסט.
די פאַרשטומטע פאַבריק — ווי אַ גרויער פאַרגליווערטער לייב
אויף פאַרוויאַנעטן גראָז,
מיט בלומען געבויגן צו דער ערד.

שטילער פאַרנאַכט. אַזאַ טיפער צער ציט זיך צונויף,
און אַ הימל פאַלט אין זיין בלוי און גרוי און רויט
אויף די גלעזערנע ווענט פון פאַבריק,
נעמט אַרום די ווייט און ברייט,
ווי אַ מאַמע, וואָס וויגט איין איר קינד...
איבער דעם ברייטן אַספאַלטענעם וועג,
דאַכט זיך, אַ מענטש מיט צעשפּרייטע הענט,
וואָס בעט... בעט... פאַר דער ליידנדער וועלט.
שטילער פאַרנאַכט, נעם אויף מיין צער פאַר מיין פאָלק,
און פאַר דער וועלט...

אַ בלוטיקע לבנה

דעם דיכטער און פריינט
שלום שטערן

אַ גרויסע בלוטיקע לבנה שוועבט אַן פון דער ווייט,
און אויף דעם שטילן, סודותפולן טייך
שלייפט זיך אַזאַ טונקל־רויטער שטעג,
ווי מיין בענקשאַפט אויף די וועגן פון פאַרגאַנגענהייט.

בא אירע ברעגעס גולמ׳ען די בערג —
אַ־קאַראַוואַן פאַרלאָרענער פון יעדן וועג און שטעג —
וואָס זען שטענדיק זיך, פאַרזונקענע אין טייך
פאַרגליווערט אין די אָרעמס פון דער אייביקייט.

און לעבן זיי שלאָפט אַ ווייסער דאָרף —
די דעכעלעך, די גערטנדלעך, דער ברייטער זאַמדיקער וועג...
ווען־ניט־ווען אַ פייגעלע טוט אַ פּיפּס אין נעסט,
ווען־ניט־ווען אַ צווייגעלע, וואָס טוט אַ שויב אַ גלעט.

די נאַכט איז רו. עס שלאָפט די ווייט און ברייט.
וואָס העכער די לבנה קומט, מער זילבערט זי דעם טייך.
נאָר ערגעץ אויף די שלאַכטפעלדער בא דער לבנה־שיין
בלוטיקן דאָרט יונגע לעבנס אין אייביקן פאַרגיין.

מיר אַליין

אין הייליקן אַנדענק פון די אומגעקומענע שרייבער, מאָלער, דיכטערנס און דיכטער פון דער גרופּע „מיר אַליין". באַזונדערס די ליכטיקע געשטאַלט פון דעם וואונדערלעכן דיכטער יעקב גאָטליב.

מיר אַליין, וואָס האָבן געצונדן די יום־טוב ליכט
אין אונזער קליינעם הימלאַנד,
און ווי אַ וויינענדיקן קינד אירע טרערן געווישט —
מיין אידישע מאַמע ליטע, מיט דיין שטיל, אומעטיק פּנים,
די אויגן פאַרטראַכט און דער שטערן מיט זאָרגן פאַרדריקט.

דו האָסט אונז באַם וויגל מיט בענקשאַפט פאַרזונגען,
די וועגן און שטעגן מיט ליבע פאַרזייט.
די שטעטעלעך קליינע צעוואָרפן פון גרענעץ צו גרענעץ,
ווי וואָרקנדע טויבן, וואָס קוקן זיך פרידלעך פאַר זיך;
מיט טייכן, ווי זילבערנע שפּילקעס, דיין ערד אויסגעצירט.

מאַמע ליטע, וויגל פון ליכטיקע טרוימען,
וואָס ליגט איצט צעבראָכן, פאַרגאָסן מיט טרערן און בלוט.
ווידער און ווידער קומען אויף נייע חלומות —
נאָך איין מאָל צו זען דיך, באַשיצט מיט די פליגלען פון גליק,
נאָך איין מאָל צו קומען, ווי אַ קינד צו זיין מאַמען צוריק.

די הרובע גאַסן — זיי וועלן זיך אויפבויען ווידער.
די שטעטעלעך קליינע — זיי וועלן בליען צוריק.
אייביק בלייבט ערד. אייביק עס פלעכט זיך דאָס לעבן.
די ליכטיקע זון פאַרבלאָנדזשעט ניט קיינמאָל איר וועג —
און אידישע קינדער וועלן וואַקסן אויף ליטווישער ערד.

נאָר היינט וויל דער צאָרן און צער פון מיין האַרץ
ניט פאַרשטילן.
חורבן און גרויל שטייט מיר פאַר, וואוהין איך
ווענד נאָר מיין בליק
די ליכטיקע יוגנט פון אונזערע טויזנטער היימען,
וואָס זיינען ווי הילפלאָזע שאָף צו דער שחיטה געוואָרן געפירט.
די ליכטיקע יוגנט — זיי וויינען און מאָנען אין מיר.

דעם שטומען געשריי וועט ניט קיין שטורעם פאַררוישן
און ס'וועלן קיין צייטן פאַרווישן זייער הייליקן בלוט.
היים מיינע, ליטע, פאַרבונדן דורך שוועסטער און ברידער,
דורך מאַמעס און טאַטעס, ווי אַ גאָלדענע קייט צו מיין גוף.

ס'וועלן אויפבליען צייטן מיט ליכטיקע זונען פון פרידן
און ס'וועלן זיך וועלטן דערלאַנגען אַ ברידערלעך האַנט.
דאָס לעבן מוז לעבן! און ס'וועט אונזער פאָלק אויך
ניט שטאַרבן —
נאָר ווייַנען וועט אייביק דער חורבן פון אונזערע טעג...

רוזוועלט רוט

רוזוועלט רוט . . .
עס רוט זיין פען, זיין טיש, זיין שטול . . .
זיין יעדעס װאָרט.
עס האָט אַ פאַל געטאָן דער טאָג
מיט דעם פּנים צו דער ערד,
און עס וויינט די וועלט.

רוזוועלט רוט. . . עס רוט זיין מילדע ליידנדיקע אויג,
די קנייטשן לעבן מויל,
דער הויכער, קלוגער שטערן,
די ליפּן, וואָס זיי האָבן גוטסקייט נאָר גערעדט —
באַמיט זיך צו פאַראייניקן די וועלט
דורך פריינטלעכקייט און מענטשן־רעכט.

עס רוט דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן.
עס רוט דער וואונדערלעכער מענטש —
מיט זיין אָפן פּנים און זיין ברייטן שמייכל.
עס רוט זיין האַנט, וואָס האָט געבאָט געשריבן.
עס רוט אַ הערלעכער סאָלדאַט,
וואָס האָט אין קאַמף געשטריטן.
עס רוט אַ לייכטנדיקער שטערן, וואָס האָט זיך איצט פאַרלאָשן.

איבער זיינע פּלייצעס וואַכט די צייט.
אויף זיין פּנים — די אייביגקייט . . .
און אים אַרום
שטייט די וועלט אין צער געבויגן.
אַמעריקע, האָסט ווידער איצט פאַרלאָרן
אַ וואַשינגטאָן, אַ דזשעפערסאָן, אַ לינקאָלן!
בויג איין דיין קאָפּ — און הויב אים אויף צוריק!
היט אָפּ דאָס ליכט, וואָס איז פאַר דיר פאַרבליבן —
דאָס איז דיין שטאָלץ, דיין פרייד,
דאָס וועט אויך זיין דיין פרידן.

רוזוועלט רוט. . . דער גרויסער פּרעזידענט
פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

זיבן יונגע מיידלעך

(באלאדע)

זיבן יונגע מיידלעך וואַרטן אויפן טויט.
זיבן יונגע בוימער, אויפגעבליטע פרייד.
זיבן ריינע ליכט פון טאַטע-מאַמעס הויז —
זיבן גאָלדענע רינגען אין דער קייט פון דורות.

עס ליגט אויף גרויסער ערד אַ זומער-טאָג פאַרטראַכט,
מיט לאָנקעס ווייט און ברייט, אין בלומען אויפגעבליט.
אויבן רויט אַ הימל — בלוי, ווי ערשט געפאַרבט —
אַ גאָלדן זון אין שוים, וואָס גליטשט זיך, שפּרייט זיך אוים.

צווישן הימל-ערד, אַרום מיט ווייט און ברייט,
שטייט אַ הויז געבויט, מיט פענסטער שמאָל און קליין.
ס'איז ניט פאַר מענטשלעך פרייד — דאָס איז אַ טויטן-הויז,
דאָרט ווערן יונגע לעבנס פאַרשניטן פון דער וועלט.

זיבן יונגע מיידלעך וואַרטן אויפן טויט.
זיבן מיידלעך הונגער-קראַנק, דערשראָקענע, פאַרוויינט.
זיבן יונגע הערצער בענקען צו דער וועלט.
זיבן מיידלעך האָפן, אפשר אויף אַ נס.

דער ווינט האָט זיינע פליגלען אויסגעשפּרייט מיט צער,
געוואָרפן זיך אויף ווענט, צעשפּרייט זיך אויפן דאַך.
די טירן זיינען צו, פון בלוט-הינט שטאַרק באַוואַכט —
זאָל קיינער ניט אַנטרינען די פינסטערקייט פון מאַכט.

אויך עס האָט די זון זיך צוגערוקט פאַרנאַכט
און קוקט מיט ציטערניש אין פענסטערל פון דאַך.
אַ קעמערל אַ קליינס, מיט חושכדיקע ווענט,
אין מיטן פון אַ וואַנט — אַ טירעלע פון בלעך.

שרהלע איז קראַנק. זי פיבערט, רעדט פון היץ.
מיט אירע פערצן יאָר — איז זי נאָך אַלץ אַ קינד.
ווײַלעוויים זי וויינט, שרייט אוים מיט שרעק —
„זיי הרגענען מיין שוועסטערל! איך הער, זי רופט צו מיר!"

זי ליגט אויף הוילער ערד, איר קאָפּ אויף חיה׳ס שוים.
חיה׳ס פּנים בלייך מיט אויגן גרוים און שוואַרץ,
איבער אירע האָר אַ בלויער שיין פון ליכט —
אַ אידישע מאַדאָנע אין אָנגעזיכט פון טויט.

נאָר די ליפּן אירע מורמלען שטיל מיט צער: —
„צי האָסט אונז, גרויסער גאָט, אַזוי באַשטראָפט פאַר זינד?
די היימען פרידלעכע פון שונא אָפּגעברענט,
צעריסן איינס פון צווייטן און יעדערן געטויט.

„אַ וועלט מיט פינסטערניש אויף אונז אַרויפגעלאָזט.
די קינדער פון ישראל, דיין גרויסן יידיש פאָלק,
געהאָנגען איבער גאַסן, לעבעדיק פאַרברענט,
אין טויזנטער צעשאָסן און באַגראָבן קרעכצענדיק.

„ניין, איך שרעק זיך ניט פאַר שטאַרבן, עס נעענטערט זיך
די שעה.
זאָל דיין האַנט, וואָס שטראָפט, אונז לייכט מאַכן די שטראָף.
דער שלאָף פון אייביקייט — אָן צער, אָן פרייד, אָן ליכט.
ניט דערלעבט דאָס לעבן, קיין דורות הינטער זיך.”

און רבקה זאָגט דערמוטיקט: — „יאָ, שטאַרבן מוז מען דאָך.
בעסער זיין געשטאָרבן, איידער אַ נאַצי־ווייב.
זיי זאָלן אונז באַרירן מיט בלוט־באַפלעקטע הענט?!
טפו אויף זיי, די חיות! ניט דערלעבן זיי!

„מען האָט מיך מיט גוואַלד פון שטוב אַרויסגעשלעפּט.
די מאַמע איז נאָכגעלאָפן, געשריגן און געוויינט,
האָט איינער אויסגעשאָסן, איך האָב געזען זי פאַלט,
מיין גוטע, צאַרטע מאַמע האָט געוואַלגערט זיך אויף דער ערד”.

„יאָ, זאָגט אסתר שטיל, אַמעריקע איז גרוים,
זיי וועלן ניט דערלאָזן אונז אויסשלאַכטן ווי הינט.
מיליאָנען זיינען אידן אין אַמעריקע פאַראַן —
פון פּוילן און פון ליטע און פון דער גאַנצער וועלט.

„זיי וועלן זיך ניט זאָרגן פאַר דעם אייגן פאָלק?
וואָס זיינען זיי, ניט אידן? פאַרבייגיין אונזער פּלאָג?

אונזער בראָך און ווייטיק פון נאַציִשן באַנדיט?
פון אונזער גאַנצער הויזגעזינד די לעצטע שטאַרב איך איצט."

און פייגע לאַכט היסטעריש: „שטאַרבן? ניט ווי שאָף,
נאָר קעגן פיינט, אין שלאַכטפעלד, אָ, וואָלט איך דערלאַנגט —
געשניטן ווי די קרויט, דעם קאָפּ, די פּיס, די הענט,
מיט זיי זיך אָפּגערעכנט פאַר דעם אומגליק אויף דער וועלט.

און קומען וועט דער טאָג, און קומען וועט די שעה,
ווען אָנהויבן דערלאַנגען וועט זיי די רויטע אַרמיי.
זי וועט דעם „איבער־מענטש" פון דריטן דייטשן רייך
יאָגן ווי די הינט, צעברעכן רוק און לענד.

עס ווילן זיך קיין אַנדערע ניט איינשטעלן פאַר אונז.
וואָס זיינען מיר פאַר זיי? הפקר יידיש בלוט!
צי האָבן אונז די הערשער פון פּוילן ניט פאַרקויפט?
זייער אייגן לאַנד פאַרראַטן און אַפּרוען אַוועק.

אָ, לעבן, עס ווילט זיך ניט אַוועק...
עס ווילט זיך גיין אין שול מיט ביכער אין די הענט
און חלומען פון ליבע, פון אַ שיינער וועלט,
וואו אַלע זאָלן גלייך זיין, פאַראייניקט, ברידערלעך.

האָס ברענט אין מיין האַרצן! נקמה — שרייט מיין בלוט!
אַ פלוך דיר, פינסטער דייטשלאַנד! צען מאָל דיר אַ פלוך!
עס וועט דיר ניט געלינגען זיך אַרויסדרייען פון טויט.
פאַרגראָבן און פאַרשאָטן וועט זיין דער דריטער רייך!"

און דבורהלע, די צאַרטע, מיט איר זילבער קול
זינגט זיך וויינענדיק, ווי אַ שטיל געבעט:
„וואָס נוצן אונז שוין איצט די הייליקסטע פאַרלאַנגען,
אַז צו ענדע איז דאָס לעבנס־שטורעם־טאָג."

נאָר שרהלע וויינט שטיל, אָן כוחות, שטאַרבנדיק...
„זיי האָבן שוין דערהרגעט מיין טייער שוועסטערל.
מיין גוטן, פרומען טאַטן — די באָרד אים אויסגעפליקט,
און מיין קליינעם ברודער — אים צעהאַקט די פּיס.

אָ, מאַמע מיינע, לעבסטו וואו? טאָ זײַ געזונט...
מיר וועלן זיך שוין קיינמאָל מער ניט זען.
און ניט מיין היים... און ניט די חברטעס,
און ניט די וועלט... און ניט מיין שוועסטער מער..."

די שטילקייט וויינט. אויף דר'ערד ליגט שרהס גוף
„דערהויב איר, גאָט, צו זיך, זאָגט חיה וויינענדיק.
אַלע גייען מיר צום אייביקן ניט־זיין.
ס'וועט קיינער אונז באַוויינען ווייל קיינער ווייסט אונז ניט.

נאָר שפּעט ווערסטו, ווינט, פאַרטראָגן אונזער וויי.
טראָג עס צו די אידן פון דער גאַנצער וועלט:
זיבן יונגע מיידלעך וואַרטן אויפן טויט.
זאָגט קדיש נאָך אונז, זיידעס, נאָך אייניקלעך פון פאָלק."

„ניין! — שרייט פייגע אויס — ניט שטאַרבן אָן אַ קאַמף!
לאָמיר אַלע זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל"!
און דבורה רופט זיך אָן: „פאַראַן אַ יידיש לאַנד,
וואָס האָט געענוג געבלוטיקט צוליב ניט איין טיראַן.

ביידע זיינען הייליק, ביידע הויך אין גייסט,
אויף ביידן זיינען טויזנטער קרבנות אויסגעזייט.
אויף ביידן האָבן העלדן פאַר פרייהייטן געקעמפט.
זאָל ביידנס זיין ניגונים אין אונזער לעצטער שעה."

ציטערדיקע שטימען זינגען, שטיל און הויך.
בענקענדיקע הערצער וואַרגן זיך מיט טויט.
זיבן יונגע קערפּערס פאַלן, איינס נאָך איינס,
זיבן העלע שטערנס לעשן זיך איצט אויס.

די זון האָט אין ווייטיק צעריסן איר האַרץ,
מיט בלוטיקע שטראָמען דעם מערב פאַרפלייצט.
דער ווינט האָט פאַרלאָרן זיין רואיקן זשום
און האָט מיט אַ שטורעם אַ יאָמער געטאָן.

האָט זיך דער הימל אין גרויען פאַרדעקט.
געוויינט האָבן פעלדער, און בלומען, און שטעגן.
די לופט האָט געציטערט פון צאָרן און וויי
און אַלץ האָט געשריען: „פאַרפלוכט זיי, דו רייך!"

די באַלאַדע פון אַ געטאָ-אויפשטאַנד

געווידמעט די אומפאַרגעסלעכע
מאַרטירער פון דעם געטאָ-אויפשטאַנד

אַלץ איז צוגעגרייט —
די בלויע הויך, די רויטע זון, די הונגעריקע גאַסן,
גאַסן, וואו עס וואַלגערט זיך דער טויט
וואו הונגער שפּייט מיט בלוט,
וואו קינדער ווערן אָפּגעסמט מיט הינט און קעץ צוזאַמען,
וואו מען רויבט, מען ברענט, מען מאָרדעט,
וואו די יוגנט ווערט פאַרקויפט פאַר שקלאַפן.

די געטאָ-צאַמען — שטעכיקע, פאַרדרייט,
די מויער-ווענט, וואָס טיילט זיי אָפּ פון וועלט,
וואו נקמה גליט אין בלוט, ווי פייער.
עס האָט געפּלאַצט פון יידן דאָס געדולד.
יידן שטאַרבן ניט ווי שקלאַפן, אָן אַ קאַמף.
יידן טויזנטער פאַרטריבענע אהער, אָן היים, אָן ברויט.
יידן זאַמלען זיך צו גיין אויף לעבן אָדער טויט.

מענער — אַרבעטער, מיט פרויען און מיט קינדער,
יונג פאַרעלטערטע, פאַרהונגערטע און פאַרביטערטע.
אַ ביקס אויף זיך, מיט שטאָלץ די קעפּ געהויבן,
די קינדער אויסגעקעמט און ריין אַרומגעוואַשן.

און הינטער זיי טראָגן זיך די יונגע זין און טעכטער,
פלאַמענדיק, צאַרנענדיק, מיט זינגענדיקע ווערטער.
אַ שטראָם פון פאָנען פלאַטערט אין די הויכן.
עס קלינגט דער „אינטערנאַציאָנאַל" און תהילים און „התקוה".

קיינער וויינט ניט, קיינער קלאָגט, נאָר טרויער,
טרויער, טרויער.
עס הערט דער הימל, עס הערט די זון, עס הערן ווייטן און ברייטן.
עס הערט די שטאָט, עס הערט דער וואַלד אין
וואונדערלעכן שטוינען —
עס טראָגט זיך ווי אַ פייער-פלאַם די יידישע נקמה.

באם צאַם פון געטאָ ווערט אַ שלאַכט, דער קאַמף האָט
אויסגעבראָכן!
עס קוקט דער נאַצי־הונט מיט שרעק, מיט מורא פאַר זיין קרבן.
„די רויטע שווינען!" — שרייט ער אויס, און שפרינגט
אויף געטאָ־מויער.
ער מאַכט איצט אַ מאַשין־ביקס גרייט צו לאָזן פלאַם און פייער.

נאָר חיים האָט פאַרכאַפּט דעם וועג. דער נאַצי פאַלט
אויף הינטן.
חיים איז געווען סאָלדאַט — ער ווייסט אַ ביקס צו האַלטן,
און ווי אַ נאַצי ווייזט זיך נאָר, צעפלאַמט פון ווילדן צאָרן —
חיים האָט דעם וועג פאַרכאַפּט — דער נאַצי פאַלט אויף פאָרנט.

קינדער קלייבן ביקסן אויף, ווייבער וואַרפן שטיינער.
עס ברענט די שלאַכט, עס האָגלט טויט.
עס פאַלט אַ קינד, עס פאַלט אַ פרוי,
עס פאַלן יונג און אַלט.

און לאַנגזאַם פאַלט דער טאָג צונויף,
דער אָוונט גליט און גיסט אויס.
עס גיסן פאַרבלוטיקטע אין וואונדן,
טויט און לעבן ליגן דאָ פאַרבונדן.

עס שטרעקט די הענטעלעך אַ קינד,
די אויגן ברעכן זיך אין לעצטן גלי
און ווינעדיקע ליפּעלעך רופן קוים —
„מאַמע..."

עס בעט די אַלטע פרומע מיט געוויין —
אַ שטיין כאַטש דאָרט אַריבערוואַרפן.
פּלוצלינג פאַלט זי ווי אַ דינער צווייג —
דער „שמע ישראל" בלייבט אויף אירע ליפּן.

די יוגנט איז אַצינד אין אויבן־אָן.
און חיים, אָט דער שלאָסער־יונג, קאָמאַנדעוועט דעם פראָנט.
העלדן פון ירושלים, העלדן פון סאָוועט —
מאַרטירער הייליקע בא געטאָ־ווענט.

מען ציילט ניט מער דעם שטומען טויט.
עס ליגט אַ זקן מיט אַ קינד,
אַ שניידער־יונג, אַ ייִד אַ גביר —
און פאַנען רויטע, פאַנען ווייס און בלוי דעקן צו.

— —

נאָר עפּעס פון די פּוסטע גאַסן שלייכט זיך אַ געשטאַלט —
הויך און דין, אַ ווייסער בוים, וואָס בויגט זיך בײַ זיין גאַנג.
אין טלית־קטן אַנגעטאָן, דער קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
די ווייסע באָרד פאַרדעקט די ברוסט, די הענט פאַרלייגט
אויף הינטן.

יעדער האָט דערקענט דעם גאַנג —
דאָס גייט דער רבי איינגעטראַכט.
ער הערט ניט צו דעם פייער זשומען,
ער גייט, ווי קיין זאַך וואָלט ניט פאַרגעקומען.

ביז דער וואַנט דערגייט זיין טראָט.
ער שטעלט זיך אָפּ און פירט אַרום זיין בליק.
זיין פּנים צוקט, עס וויינט זיין האַרץ,
עס וויינען זיינע הענט, זיין יעדער גליד.

„איך בין געגרייט, אַלמעכטיקער, רופט ער אויס,
איך האָב דעם חשבון מיט זיך אָפּגעמאַכט.
די שול פאַרשפּאַרט, עס זאָל דער שונא ניט די הייליקייט
פאַרשוועכן.
איך בין אין דיינע הענט, ווי אַלץ און אַלע.
נעם פון אונז דיין מילדקייט ניט אַראָפּ —
פאַלט אַ בוים — פאַלן אַלע צווייגן.

איך גיי מיט אייך, הייליקע קדושים.
וואו זיין עדה גייט, דאָ געהערט דער רב.
זאָל פאַרשאָלטן ווערן יענער שטאָט,
וואָס האָט געהאָדעוועט דעם סם.״

נאָר חיים זאָגט: „זיי וועלן ניט דעם קוואַל פאַרשיטן,
אַ קוואַל וואָס פליצט דורך דער טיפעניש פון ערד.
פאַרשיט מען איין אָרט, ברעכט עס דורך אַ צווייטן,
און ווידער קוואַלט דאָס וואַסער פריש און קלאָר.״

דער רבי קוקט, זיין פנים ווערט באַלויכטן.
„חיים, זאָגט ער צו דעם שלאָסער־יונג,
דו קאָמאַנדעוועסט דעם פראָנט ווי שמעון בן גיורה.
זיי אויך אַ יהודה המכבי פאַר אונז.
מיר טאָרן ניט, און מיר זאָלן אויך ניט פאַלן.

חיים זאָגט: „מיר זיינען ניט אַליין.
פון ראַטן־לאַנד קומט אָן דער רויטער לייב,
וואָס וועט באַפרייען אונז
און אונז ניט לאָזן פאַלן.״

דער רבי פירט פאַנאַנדער זיינע הענט,
גיט אַ נעם אַ שטיין און וואַרפט אַ נאַצי גלייך אין פנים.
צופרידן ווי אַ קינד, כאַפּט ער נאָך אַ שטיין —
נאָר מיט דעם שטיין פאַלט ער שוין צוזאַמען.

פאַרבלוטיקט איז דעם רבינס קאָפּ,
נאָר זיינע אויגן לייכטן.
„איך בין שטאָלץ, זאָגט ער, צו זיין מיט אייך צוזאַמען,
צו שטאַרבן, ווי איר שטאַרבט...„

ער קוקט אַוועק צום וואַנט — די וואַנט אַ וועלטן־שאַנד.
און אונזערע — קדושים.
דער יונגער שמעון ליגט דאָרט אָנגעשפּאַרט.
זיין שיינע רחל לעבן אים.
ביידנס אויגן זיינען ווייט צעעפנט.

און אייביק וועלן זיי צעעפנט זיין, און אייביק שווייגן.
שרעק און צערטלעכקייט פאַרגליווערט איז אין זיי.
עס וועלן אָט די אויגן דורך דער טיפער ערד אויך קוקן,
און אייביק, אייביק נאָכגיין אַלעמען און פרעגן שטום:
— פאַרוואָס ?

דער אָוונט גליט און גוססט אויס.
אַ מאַסן־קבר בא דער וואַנט.
עס וויינט אַרום דאָס ניט־דערלעבטע לעבן,
און לעבן, וואָס וועט קיינמאָל ניט פאַרגעבן.

איר וועט זיי דערקענען

איר וועט זיי דערקענען, די ווילדע רשעים,
איר וועט זיי דערקענען נאָכן בלוט-דורשט אין די אויגן.
די אויגן, וואָס האָבן, ווי חיות אין וועלדער,
געניששטערט פרויען און קינדער צו מאָרדן —

קינדער, וואָס האָבן מיט ליכטיקע אויגן
געקוקט זיי אין פנים און גאָרניט פאַרשטאַנען,
קינדער, וואָס האָבן די פינגער געזויגן,
מיט שטילע, פאַרחלומטע, הייליקע אויגן.

קינדער, וואָס האָבן מיט טרערן געבעטן —
„אָנקעלע גוטער, פאַרוואָס ווילסטו אונז טויטן?"
קינדער וואָס האָבן אין יאָמער געשריען,
געזען ווי מען הענגט אויף דעם טאַטן, דער מאַמען.

איר וועט זיי דערקענען,
וואָס האָבן מיליאָנען קינדער געמאָרדעט,
די קעפּעלעך געשפּאָלטן, אין פייער געוואָרפן,
געשטאָכן מיט שפּיזן, פאַרהונגערט, געשאָסן,
און קרעכצנדע קינדער אין גריבער געוואָרפן.

איר וועט זיי דערקענען, און זאָלט זיי ניט שוינען.
האַקט אָפּ זיי די פינגער, שטעכט אויס זיי די אויגן.
זאָל פינסטער זיי ווערן, ווי ס'איז פינסטער די קינדער.

איר וועט זיי דערקענען,
וואָס האָבן די הערלעכסטע טעכטער געשענדעט,
די קליידער געריסן פון הייליקע לייבער,
נאַקעט געטריבן יינגלעך און מיידלעך,
געשמיסן מיט ריטער, געבריקעט מיט שטיוול.

איר וועט זיי דערקענען, פון שווערד און מאַנאַקל,
מיט אַרבעטער הענט פון פראָסטע סאָלדאַטן,
וואָס האָבן די בעדער געבויט אויף צו סמען,

וואָס האָבן די אויוונס געמויערט צו ברענען
און זייף פון דיביינער געמאַכט פאַרן פירער.

איר וועט זיי דערקענען, די „איידעלע מאַמעס״,
וואָס האָבן די בלוטיקע קליידלעך געוואַשן,
די מערדער געדאַנקט פאַר די שיינע מתנות,
פאַר פרעמדע פאַרמעגנס, און שיך אין מיליאָנען.

שיך

אַט די שיך די מיליאָנען, זיי וועלן ניט שווייגן.
ניט-קיין-געזעענע וואַנדערן זיי אום
אַרום יענע פיס, וואָס האָבן זיי געטראָגן,
וואָס האָבן זיי געשאַפן פאַר פרייד אין לעבן.

זיי וואַנדערן — אַן אייגענע שטילע לוויה
איבער חורבות פון וועלט, צו די הייליקע ספערן,
און וועלן זיך שטעלן פאַרן כסא-הכבוד
און אויסשרייען דאָרט דעם געוויין פון די טויטע —

אַז ציטערן וועלן די ווייטן און ברייטן!
פון אומעטום וועט זיך אַן עכאָ דערטראָגן —
ביז גאָט וועט אַ ברום טאָן דעם אייגענעם יאָמער
און פאַלן צו דער ערד, צו זיין וועלט וואָס איז חרוב.

גאָט

איך קען מער ניט שטראָפן, מיין כוח איז צערונען.
מיין געטלעכע קראַפט האָסטו, מענטש, איינגעזויגן.
ס'איז ווידער יצירה, תוהו ובוהו.
דו האָסט דורכגעשפרייזט די פינסטערע תהומען,
מיט בלוט דיינס געלאָשן דעם בראַנד פון גיהנום,
געזעען דיינע טייערסטע ליגן דערמאָרדעט —
און מוטיק געקעמפט פאַר אַ וועלט, וואָס וועט קומען.

פאַר דיר ליגט די חרובע וועלט אויפצובויען.
אין דיר איז דער כוח, דו שטייסט אויף געלייטערט.
ווי נח אין תיבה, נעם אָן נאָר דאָס גוטע —
לאָז ריין די וועלט פון טייוולאָנים!
דו מענטש, האָסט מיין נאָמען באַהיט און באַוואָרנט,
מיט דיר בין איך גאָט, אָן דיר בין איך גאָרניט,
אַזוי ווי דער ים אָן די ברעגן פון ערד,
אַזוי ווי די זון אין אַ פאַרזונקענער וועלט.
דו האָסט מיך געוועבט אין וועלטישן רוים,
דו האָסט מיך געוועבט — דיין אייגענעם טרוים.

פאַרשאָלטן זאָל זיין פון די מערדער די רו
מיט דעם אייביקן יאָמער פון געפייניקטן מענטש.
בא יעדעם מאָל עסן דערפילן דאָס בלוט
וואָס האָט זיך געגאָסן דורך זייערע הענט.
און וואו נאָר זיי וועלן זיך קערן און ווענדן,
זאָל עס זיי ברענען דער פלאַם אין די אויגן
פון מענטשן מיליאָנען פאַרברענטע אויף קויל.
ס'מוז שטאַרק זיין נקמה, ווי שטאַרק דער פאַרברעך!
איר וועט זיי דערקענען נאָך די בלוטיקע הענט,
נאָכן צייכן פון קין, וואָס איבער זיי ברענט.

יזכור

דער בלוטיקער אָפּגרונט פֿאַרשיט זיך פֿאַמעלעך.
די וואונדן פֿון דער ערד וועלן ווערן פֿאַרהיילט.
ס׳וועלן לייכטן, ווי שטענדיק, גאָלדענע זונען,
גרינע חלומות און זילבערנער שניי.

דורות פֿון פֿרייד וועלן קומען און וועקן
די וועלט צו אַ נייעם-געבאָרענעם לעבן.
אייביק אין גליווער פֿאַרזינקט נאָר דער טויט —
עס האָט מער קיין אָנהויב, עס האָט ניט קיין סוף.

עס בלייבט נאָר אַ חלום, וואָס ווערט ניט פֿאַרגאַנגען,
אַ סטרונע, וואָס ס׳וועבט דאָס לעבן אַליין,
געקניפּט פֿון די צאַרטסטע און דינסטע געזאַנגען,
אַ ניגון וואָס וואַנדערט פֿון דור צו דור.

אויף אָפּגרונטן טיפֿע, וואָס ווערן פֿאַרשאָטן,
טראָגט זיך אַרום אַזאַ שטילער געוויין.
די הייליקע לעבנס פֿון וועלט אָפּגעשניטן,
מיט האָפֿענונג, פֿריידן, פֿאַרזונקען אין תהום.

די נייע געזאַנגען, וואָס וועלן זיך טראָגן
אַריבער דעם יאוש צוריק צו דער פֿרייד —
נאָר הונדערטער טויזנטער נאָענטע און ליבסטע,
זיי וויינען דורך יעדן גראָז און בלאַט.

טעגלעכעם
(נאָכן זיג)

נאָך איז ניט פאַרטריקנט די בלוטיקע שווערד
פון אַ גרויזאַם דערמאָרדעטער וועלט.
נאָך איז ניט פאַרקלונגען דער ווײ־געשריי
פון לעבן־געבליבענע אין צער און פּיין.
נאָך ליגן פאַרוויסטע שטעטלעך און שטעט —
אויף זיי גייען זומערס און ווינטערס אויף,
מיט מענטשן, וואָס האָבן קיין קליידער, קיין היים —
און קיין ברויט.

נאָך זיינען די פינסטערע לאַגערס פון טרערן און בלוט
ניט געליידיקט.
נאָך זיינען די שטעכיקע צאַמען פון עלעקטרישען דראָט
ניט צעשטערט,
און קינדער, וואָס זיינען פון הענקער און מערדער אַנטרונען,
שטייען בא שטעכיקע צאַמען און רופן מיט בענקשאַפט
אין וועלט.
מענטשן פון גרויסע משפחות צעשפּליטערט,
ווי די שערבלעך אין טעפּערס געצעלט.

און דאָ איז אין הונדערטער טויזנטער היימען
אויף אייביק פאַרלאָשן די פרייד —
היימען, וואו ס׳האָבן זין און טעכטער
געשפּונען די שיינקייט פון וועלט,
פאַרן לעבן די פרייד און אין הארצן די ליבע.
אין קאַמף פאַר אַ בעסערער וועלט
זיצן וואו טאַטעס, וואו מאַמעס פאַראיינזאַמט,
און קינדער — יתומים אין נויט.

און די ווייסע טויב פלאַטערט אום אין שרעק
מיט דעם גרינעם בלאַט אין מויל.
זי, די טויב — פון מענטשן מיליאָנען,
וואָס זיינען געשטאָרבן פאַר אונז,
די טרערן, די בענקשאַפט און פּיין פון אַ וועלט —

מיט דעם שטאַרקסטן פאַרלאַנג אויף צו לעבן —
פלאַטערט זי אום אין שטילן שרעק,
אַ הייליקע, ווייסע נשמה.

און קיינער דערזעט זי, און וויל זי ניט קענען
די וועלט איז אין יובל, מיט טענץ און מיט בלומען:
די זיגער פון לאַנדאָן זיינען שטענדיק פאַרנומען.
דאָ איז אַ סטרייק, דאָרט ברעכט מען אַ טויער,
וואו עס בעטן אַ היימלאַנד פאַריתומטע קינדער.
צו די דאָרף מען שמייכלען, פאַר די זיך פאַרקרימען —
און מען מעסט דעם צילינדער פון אָבות, דעם שיינעם.

די פרייד פון אַמעריקע איז טויזנט מאָל שטאַרקער.
מען האָט שוין דערפונדן — און מען האַלט נאָך אין זוכן —
אַטאָמישע באָמבעס. אַ וואָרף — און קיין וועלט מער!
און מיינע איז מיינע, און דיינע איז מיינע!
מען גייט אום געקראַנצט מיט לאָרבער פון זיגער,
עס טאַנצן אין רעדל שוין וועלט-פּראָפּיטירער,
מען בויט שוין פּאַלאַצן פון גאָלדענע רענדלעך,
מען גרייט זיך אויף ס׳ניי שוין די וועלט צו פאַרסמען —
און ס׳קושן שוין זיגער די טעכטער פון שונא.

און וואָס פאַר אַ ווערט האָבן אַרבעטער-קעמפּער?
מען האָט זיי געשיקט — און זיי האָבן געשלאָגן.
פאַרזאָגט זיי אויף שפּעטער אַ לעבן פון פרידן?
(צוזאָגן, ליב האָבן קאָסט דאָך קיין געלט ניט) —
עס האָבן געאַרבעט די פרויען און קינדער —
און אַלץ איז פאַרטייערט, פאַרדרייפאַכט, פאַרפירפאַכט.
דער גיר נאָך דעם געלט איז ווי פייער צעצונדן.
מען לאָזט דיך ניט עסן, מען וואַרפט פון דער דירה.

און ס׳קומט היינט די יוגנט, די זיגער פון גרווילן,
וואַר אין די היימען, וואַר אויף די גאַסן —
קיין קליידער, קיין דירה, קיין אַרבעט, קיין עסן —
און ס׳הערשן, ווי שטענדיק די אַלטע געזעצן.

און די וואָס זיי האָבן מיט לעבנס מיליאָנען
געפּלאַסטערט די וועגן פאַר שפּעטערע קריגער,
פאַרהיטן די וועלט פון אַ פינסטערן גורל,
די לענדער, וואָס זיינען נאָך גאַנצע געבליבן,
די, וואָס האָבן די תליות צעבראָכן
און בויען אַ וועלט פאַר אַ צוקונפט פון פרידן —
זיי לאָזט מען נאָר צו ביז די גאָלדענע שוועלן.

די, וואָס זיי געהערט דער זיג פון דער וועלט,
ווערן קיינמאָל ניט דערקענט פון דער וועלט.
וויין זשע ניט, טויב מיטן גרינעם בלאַט,
מיר וועלן דיך קרוינען אין אַ שענערער וועלט.

צום אַרבעטער

דו האָסט דעם פאַרהאַנג, דעם שוואַרצן
פון ליכטיקער וועלט אָפּגעצויגן.
זיי אַליין איר היטער — מיט שטאָלענעם שווערד
און מיט הונדערטער טויזנטער אויגן.

ס'איז דאָס ליכט אויסגעקויפט מיטן בלוט
פון דיינע זין און טעכטער,
פאָטערס, און מוטערס, און קליינינקע קינדער.
פאַרלאָז ניט דיין וואַך!
עס ציען זיך ווידער ווייסע הענט — מיט שוואַרצע,
חיהשע פינגער.

זיי פאַראייניקט מיט מענטשן מיליאָנען.
ניט קיין ימען וועלן לעשן קענען
דעם פינסטערן פייער, וואָס וועט אויף דער ערד זיך פאַרציען
די געשענדעטע וועלט פון דאָס ניי צו שענדן,
פאַרברענען אין פלאַם, וואָס וויל אויפגיין צום לעבן,
און ווידער אויפבויען מאַידאַנעקס, טרעבלינקעס,
מיט נאַצישע וועכטער פון אַנדערע לענדער.

נאָך זיינען ניט פאַרהיילט די בלוטיקע וואונדן
פון דיינע געפייניקטע שוועסטער און ברידער,
די קינדער, וואָס בלאָנקען אָן טאַטעס, אָן מאַמעס,
פאַרהונגערט, פאַרטרויערט, פון לענדער צו לענדער.
נאָך איז ניט פאַרגאַנגען דער גרויל פון די אויגן,
וואָס קוקן צו אונז מיט געהייליקטן גלויבן —
זיי ווידער צו העלפן, אַ שטיבל אויפבויען,
אַ קלייד, אַ פּאָר שיך און דעם הונגער צו שטילן.

זאָל דיין קול זיך טראָגן איבער אַלע וועגן,
שטאַרק, ווי דער שטורעם אין זיין מעכטיקן ברומען.
דיין איז די וועלט! דיין איז דער זיג!
דו האָסט זי דורך יאָרן פון פיינען געוואונען.
אַליין זיי דער ריכטער,

און היט די פֿאַלשע, וואָס שמייכלען מיט שנאה.
דו ביסט דער בויער און שפּייזער פֿון וועלט —
דײַן האַנט איז איר לעבן, דײַן קאָפּ — איר פֿאַרמעג.
היט דאָס ליכט פֿון דער וועלט — דײַן פֿרידן!
איין פֿאַלשן טראָט —
און דו זינקסט אין בלוטיקן חושך צוריק.

גיין און קומען

אַלץ וואָס איז געווען — רוט, פון אייגענעם געזאַנג פאַרזונגען,
אַ געזאַנג, וואָס איז פון לויטער בענקשאַפט אויפגעגאַנגען —
אַריינגעוועבט פון צער די טרער,
פון ניט־דערהאַפטער פרייד,
ניט־דערחלומטע חלומות פון אַ יונגן דור.

די אומרו פלאַטערט אויף די וועגן,
ווי אַ בלאַט אין האַרבסט,
וואָס פליט מיט שטורעמדיקעווינטן
איבער ציטערדיקן גראָז.
דאָס איז אַ וואָרענונג פאַר דער וועלט
דורך ניט־דערזעדטע רייד.
דאָס איז אַ וואָרענונג פאַר דיר, מענטש,
אויף דיין וואַך צו שטיין.

וועלטן זיינען זיך פאַרגאַנגען
יעדער מיט זיין דור.
דורות ווערן נאָר פאַרגעסן, ווען נייע קומען אָן.
אונזער וועלט, וואָס איז אַוועק,
איז פריש נאָך אין זכרון —
פאַרשניטן אייגענע פאַמיליעס אין בליענדיקע יאָרן.

עס בלוטיקט, ווי אַ וואונד אין האַרץ,
עס לאָזט זיך ניט פאַרגעסן.
נאָך זיינען מיר ניט ווייט אַוועק
פון יענע ווילדע בעסטיעס.
זיי לויערן אויף שריט און טריט, און ציילן נייע לעבנס
פאַר נאָך גרויזאַמערע טויטן,
וואָס זיי ווילן איצט פאַרגרייטן.

חלומות אין האַרבסט

חברטע קאַלמאַן אַ מתנה

1

אַ פאַרשטויבטער מעטאַל, ליגט דער הימל צעשפּרייט.
טרוקענע בלעטער — גאָלדענע זשאַבעס,
ציטערן, טוליען זיך איינס צו דעם צווייטן,
ווי קלייניקע קעצלעך באַם בויך פון דער מאַמען.

אויף בוים און ערד, אויף דאַך און פּלויט
ליגן די לעצטע שטיקער חלומות
און חלומען שטיל אין זומער־סוף.

ס'איז דאָ אַזוי פיל צו זאָגן,
נאָך מערער צו טראַכטן —
נאָר פּונקט ווי דער האַרבסט איז אויך מיין געמיט.

אויף אַלץ איז אַ צייט — פאַר בליען און וועלקן,
פאַר יוגנט און אַלט.
קיין זאַך שטעלט ניט אָפּ דעם גאַנג פון דער וועלט.
וואו עס פאַרמעסט זיך דאָס גוטס,
פאַרמעסט זיך דאָס שלעכטס —
איז איינע ליכט, איז פינסטער די צווייטע.

און צווישן זייביידן שטיי איך,
מעסט פינסטערניש און ליכט —
און קען ניט דערקלערן די וועלט אַרום זיך.

2

ווייט... ווייט... איז מיין שטעטעלע אומגעקומען.
איז פון איר נאָר פאַרבליבן אַ ראָזעווער חלום.
ווען אברהם האָט יצחקן געפירט צו עקדה,
האָט גאָט אָפּגעהאַלטן זיין האַנט מיטן מעסער...

קיינמאָל פאַרביטן האָט טאָג זיך אויף נאַכט,
און ניט נאַכט אויף טאָג —

נאָר מענטשלעכע לעבנס, ווי בלעטער אין האַרבסט,
ווערן צעשטערט און פאַרווישט.

די ערשטע געשטאַלט אין מענטשלעכער פאָרם
האָט אַ גאָט זיך געזוכט
און האָט אים געפונען אין געבן־בילד —
כאָטש איינס אין געדאַנק און איינס בלוט און פלייש.

דורות און צייטן, פאַר טויזנטער יאָרן,
דערנענטערט דער מענטש מער גאָט אין זיין פאָרם.
צי וועט ער דערגיין
צו אַן אייביקן זיין?

3

די זון גייט, ווי שטענדיק, אַריבער דער ערד
און קוקט אַ פאַרטראַכטע אויף חרובע שטעט,
אויף שטעטלעך, וואָס זיינען אינגאַנצן פאַרווישט,
מיט האָב און גוטס, מיט ווייב און קינד.

זי וואַנדערט, און זוכט יענע ליכטיקע דעכלעך,
וואו ס'האָט זיך געטראָגן די אייביקע שפּיל
פון מאַמעס, וואָס האָבן, ראַמען און קאָכן,
טראָגן און האָבן, און האָדעווען קינדער.

פון קלאַפּן מיט האַמערס באַם שוסטער־וואַרשטאַט,
פון יוגנט, וואָס זינגט באַם קליידער־גענייִ,
פון פורלעך, וואָס רעדערן איבער די שטיינער,
פון קינדערש געלעכטער, פון קינדערס געשרייען.

זי קערט זיך אַוועק צוזאַמען מיטן טאָג,
וואָס קען ניט פאַרטראָגן דאָס שטומען פון צער,
און ס'קומט די לבנה, פאַרטראַכט אין איר שיין,
און וועבט אירע זילבערנע פעדים אַרום,

און האָרכט, צי מען רעדט ניט אין שטילקייט פון נאַכט,
צי וויינט דאָרט ניט ערגעץ אַ קינד פונעם שלאָף?

צי וויגט זיך ניט וואו דאָרט אַ וויג, און עס זינגט
אַ פאַרשלאָפענע מאַמע אַ וויג-ליד איר קינד?

צי וואַנדערט ניט ערגעץ אַ פּאָר אין איר ליכט
אָרעם-אין-אָרעם, און פליסטערן שטיל
די ווערטער, די ליבע, וואָס קומען פון האַרץ.
וויפיל האָט זי שוין די ווערטער געהערט!

נאָר אַלצדינג בלייבט שטיל איבער חורבות און גריבער.
עס קוואַקען די זשאַבעס, עס גרילצן די גרילן —
צי וויינען זיי דאָרט אויף דעם יידישן פּיין?
צי האָבן זיי טענות צו גאָט אַליין?

עס קערט די לבנה איר פּנים אַוועק,
אין שלייער פון נעפּלען פאַרבאָרגט זי איר בליק.
עס שטייגט פון די חורבות אַרויס אַ געזאַנג —
אַ טויטע מאַמע זינגט פאַר איר טויטן קינד.

4

אַזוי ווי די מומע באַם שפּינען איר וואָל,
שוועבט אָן די שפּינראָד פון לויטערן גאָלד,
און שטיל זיצט די מומע, דאָס פּנים פאַרטראַכט,
און שפּינט בא דעם גאָלדענעם שפּינרעדל — שטראַלן.

די שטראַליקע פעדים באַלייכטן דעם אָרום.
און ס'הויבן פון חורבות זיך הייזער אַרויף —
אַליץ ווי געוועזן, מיט טירן און פענסטער,
מיט דעכער, וואָס זילבערן אונטער לבנה.

עס הויבט זיך אַרויס פון די חורבות די שול,
איר פירקאַנטיק געבוי און האַלב-פלאַטשיקער דאַך,
די פענסטער די לאַנגע מיט שייבעלעך קליין —
און חלומט צוריק אין איר הייליקן שיין.

עס הויבן זיך אויף די פאַרברענטע געשטאַלטן
פון מענער און פרויען, פון יונג און פון אַלט.

די זקנים, ווי שטענדיק, אין רואיקן שווייגן,
די קינדער — מיט טומל, מיט לאַכן און שפּיל.

און שטיבעלעך ווערן באַלעבטע מיט לעבן.
דער דרויסן ווערט פול מיטן וואַנדל און פאָרן —
אַלץ ווי געווען. די לופט שמעקט ווי האָניק,
מיט ברויט און מיט חלות, מיט פליישׁ און מיט בשמים.

5

נאָר פלוצלינג פון ווייטן, אויף שליאַכן פאַרדרייטע,
טראָגן זיך רויכעלעך, איינס הינטער צווייטן.
די רויכן ווי קליינינקע, ווייסינקע קנוילן,
גנבענען זיך, ווי כיטרע אויגן.

„זעט, שריי איך אויס, אַטאָמישע מערדער!
זיי לויערן ווידער די וועלט צו באַפאַלן!
זיי ווילן אויפסניי אונז פאַרברענען אין פלאַמען!
די הערלעכע וואונדער פון דר'ערד צו צעשטערען!"

און עפּעס פאַרמערן זיך אַן אַ שיר מענטשן,
הונדערטער טויזנטער לויפן — וואוהין?
די גאָלדענע שפּינראָד, צוגלייך מיט דער מומען,
ווערן צעשוואומען אין אַ בלוטיקער זון.

6

די וויט און די ברייט ווערט מיט נעפּלען פאַרצויגן,
און עפּעס דערזעט זיך — צוויי באָרוועסע פיס
פון ריזיקער גרויס, וואָס פאַרנעמען אַ שטח
צווישן הימל און ערד — אַ געשטאַלט פון אַ מענטש!

אומקלאָר, זיין גוף בלייבט אין נעפּלען פאַרבאָרגן,
נאָר קלאָר איז דאָס פּנים, מיט טונקעלער הויט.
פון קאָפּ אויף די פּלייצעס פעך-שוואַרצע קרויזן —
און שטיל איז דאָס פּנים, פאַרטרויערט און בייז.

ער הויבט אויף די הענט צו פאַרשטעלן די רויכן —
די בלויקייט פון הימל שוועבט איבער זיי,
און לעבן אים, דאַכט זיך, בלייבן די מענטשן,
אַזוי ווי פאַרגליווערט וואָלט פלוצלינג די וועלט.

אַ העל־בלויע ליכט גיט אַ שטראַל אויף זיין האַרצן,
אַריבער די לענדן, ווייס ווי דער טאָג.
עס דאַכט זיך — עס לעבט אויף די פאָן פון ישראל!

איך שטיי ווי פאַרגאַפט און קען ניט געדענקען,
וואו האָב איך דעם פנים ווען פריער געזען —
אַ יידישער פנים, מיט יידישן טרויער —
אויף ערגעץ אַ בילד? צי ערגעץ אַ מענטש?

און ס'ציט דורך אַ קול דורך ווייט און דורך ברייטן,
ווי עפּעס אַ וואָרנונג דעם גיפטיקן רויך —
„ניט שענדט די געשענדטע! ניט וואַגט צו באַפאַלן
די אייביק־געשאַפענע מוטער־ערד!

אומגליק וועט קומען אויף אייערע וועגן!
איבער אייערע פינגער וועט קריכן דער טייוול,
די ערד וועט פאַרשליסן פון אייך איר נאַרונג
און פינסטערניש וועט איר אין פינסטערניש האָבן.

געצעלטן פון שטורעמס וועלן פריגעלאָזט ווערן
צוזאַמען מיט טייכן פון ברעגן באַפרייט.
זיי וועלן זיך טראָגן אויף אייערע ערדן,
און שטעטלעך מיט שטעט וועלן ווערן צעשטערט.

און כאָאָס וועט קומען, אַ ביטערע מלחמה
פון איינס קעגן צווייטן — אַ ברודער־קריג!
און בלוטיק וועט קעמפן גאָט, און טייוול,
ביז פריי וועט די וועלט זיין פון בלוטיקע זינד.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַלץ ווערט צעשוואומען... אַלצדינג פאַרגייט...
אויף בוים און ערד, איבער דאַך און פלויט
ליגן די לעצטע שטיקער חלומות
און חלומען שטיל אין דעם זומער־סוף.

ניו יאָרק, דעצעמבער, 1946

ווער קען זאָגן

וועלטן לייכטן מיר אַנטקעגן,
ווינטן לויפן בא די זייטן,
הימל שירעמט מיך מיט בלויקייט,
ערדן טראָגן מיך אויף אָרעמס.

ווער קען זאָגן וואָס מיין זיין איז?
ווער קען זאָגן וואו איך גיי?
ווער קען זאָגן ווער מיין דור איז?
ווער קען זאָגן וואָס ער'ט זיין?

מיך באַשאַפן האָט באַשעפער
פון דער אייביקייטס אַ ריף,
פון די דורות מיינע גלידער,
פון די יאָרן — מיין באַהויטונג.

פון די צייטן — מיין פאַרשטאַנד,
פון די טעג — די ליכט און פריידן,
פון די נעכט — די שטילע טרוימען.
ווער קען זאָגן וואָס איך בין דאָ?

מיך געשיקט האָט דאָ אַ הימל
פאַר דער ערד צו זיין אַ וועלט,
פאַר דער וועלט צו זיין אַ פרילינג,
פאַר דעם פרילינג זיין אַ יוגנט.

פאַר דער יוגנט זיין אַ ליבשאַפט
פאַר דער ליבשאַפט זיין אַ צירונג.
ווער קען זאָגן וואָס איך טו דאָ?
ווער קען זאָגן ווער מיך דאַרף דאָ?

ווער קען זאָגן, ווער קען זאָגן
צו וואָס מיך האָט געבראַכט אַ שטורעם
אויף דער אייביקייטס אַ פליגל,
מיך געלייגט אויף שוים פון ערד —

אויפבויען פאַר איר אַ וועלט!
מיר געשענקט אַ וואַנדער-שטעקן
פאַר אַן אייביק וואַנדערשאַפט.

ווער קען זאָגן מיר מיין נאָמען?
ווער קען זאָגן וואָס איך בין דאָ?
ווער קען זאָגן פון מיין זיין דאָ?
ווער קען זאָגן פון מיין ניט-זיין?

פארנעפּלטע וועלטן

דראַמאַטישע פּאָעמע אין לידער

(אויסצוגן פון „פארנעפלטע וועלטן" און
פון „מענטש צו מענטש"

ערשטער טייל

צווישן טאָג און נאַכט

ווען אַ בלויע רו האָט זיך אויסגעקלאָרט פון נאַכט,
זיינען אויפגעגאַנגען סודות אין יעדן רויש פון בלאַט,
אין מורמלענדיקן טייך,
און עס האָבן געשטאַלטן געשוועבט, זיך באַוועגט,
אין שטילער בלויקייט פון רו.

ליגט אויף דער ערד אין דער נאַכט
אַ מיידלש פאַרוואָגלט געשטאַלט,
אין טרויער פאַרלאָרן, און קראַנק,
אַ פּנים פון הונגער פאַרבלייכט,
צעריסענע קליידער אויף לייב,
מיט אויגן, ווי קוואַלן פון לייד.

וואָרענונג:
באַוועג די גלידער, וואָס זיינען אויסגעלאָשענע אַצינד,
און הויב זיך אויף —
עס איז דיין צייט געקומען.
פינסטער ליגט די וועלט, מיט נעפּלען בלוטיקע פאַרצויגן,
און אַלע טויטלעכע געווער,
וואָס ווערן אין דער פינסטערניש געשאַפן,
וועלן אויפפלאַמען פון גאָר דעם קלענסטן פונק,

וואָס עמיצער וועט וואַרפן.
אויף יעדן וועג און שטעג וועט זי דאַן דער טויט צעשפּרייטן.

אויפגיין זאָלסטו פאַר דער וועלט,
ווי דער ערשטער שטראַל אויף טאָג,
ווי אַ גרויסער בלוטנדיקער שווערד,
און ווערן זאָלסטו אַ לייכטנדיקע ליכט.
שטיי אויף, און טו וואָס מען פאַרלאַנגט פון דיר!

ל ו י ט ע ר ק י י ט:
צעפאַלן ליגט שוין איצטער די אַמאָליקייט.
דורך יאָרן ניט־געציילטע מער
האָב איך געלויטערט דיין נשמה, ווי אַ דימענטענעם קרעל.
עפן אויף דיין מויל!

ל ע ב ן:
פילן זאָלסטו ווידער לעבן אין דיין גוף.
ווי מילבן קריכיקע, דערקענען זאָלסטו,
אַז עס גייט אין דיר דיין בלוט.
אָטעם אויף און אָטעם איין —
וואַרעמקייט זאָל אין דיין גוף זיך אויסשפּרייטן,
ווי די יונגע צווייגן אין דער זון,
זאָלן אויפבליען די אָדערן אין דיר
און אָנקלאַפּן אין טויער פון דיין האַרץ.
ווי די יונגע שוואַלב פון מאַי
צעברעכן זאָלסטו די פאַרגליווערטקייט.
טו אַ ברום מיט דיין ערשטער שפּראַך.

מ יי ד ל (יערמינע):
וואָס בין איך, אַז איך ווייס ניט וואָס איך בין?

ג ע ר ע כ ט י ק יי ט:
ניט קיין שאָף ביסטו צווישן ווילדע וועלף,
ניט קיין שטילער טייך אַקעגן ים.
דו ביסט אַצינד געשאַפן פאַר אַ מענטש,
וואָס וועט זיין פאַר דער וועלט די שפּראַך פון אייביקייט.
גרויסע קראַפט אַקעגן דיר איז ערד,

גרויסע קראַפט אַקעגן ערד ביסטו.
אַן אויסגערוטע רו זאָל שטענדיק אין דיר זיין,
און געפינען קלאָרקייט פאַר דער ניט-דערקלאָרטער וועלט.
דיינע איז די וועלט.

מ יי ד ל (יערמינע):
האָב איך פריער שוין אַמאָל געלעבט?
און וואו געפין איך זיך אַצינד?
קיין זאַך ווייס איך ניט וואָס טוט זיך אַרום מיר.
מיט שווערער אומרו בין איך אָנגעפילט.
וואָס קען ווייטער זיין?

ג ע ר ע כ ט י ק יי ט:
אַרונטער וועסטו ווידער אויף דער ערד,
און לעבן וועסטו דאָרט מיט מענטשן פיל.
אין זייער פרייד און ווי וועסטו זיך דערקענען.
פאַר זייערע אומגערעכטע לעבנס
וועסטו זיך פאַרשעמען.
ביז דו וועסט דערלויטערן אין זיך דאָס ליכט
און דערפילן צוליב וואָס דו ביסט.

מ יי ד ל (יערמינע):
וועלכע ערד איז דאָס פון וואָס דו רעדסט?
מענטש און לעבן, זאָגסטו, בין איך איצט?
איז דאָס די וועלט, וואָס ליגט דאָ מיר אַרום?
און מענטשן, וועלכע ריידן דאָ צו מיר?

ד ע ר י נ ע ר ו נ ג:
באַווייזט זיך אַ ווילע אין בלוילעכע פלאַמען
דאָס, וואָס געווען איז,
דאָס, וואָס דאַרף ווערן,
צום מענטשן, וואָס שטייט בא דער שוועל פון געבאָרן,
צו קענען באַשאַפן אַן אייביקן לעבן.

מ יי ד ל (יערמינע, אין וויזיע):
ווער זיינען די, וואָס וויינען אין מיר אין אומרו,
און גייען אויס אין צער צו זיך אַליין?

כ׳וויל בעסער זיין אַ פונק פון דיין בלויקייט
און ניט אַרונטער דאָרט, וואָס דו רופסט ערד —
ניט זיין מיט חיות, וואָס ס׳שרעקט מיך זייער ברומען.
ברענג זיי בעסער אום נאָך פאַר זייער קומען.

צ יי ט :
דאָס איז שוין אַזוי דער גאַנג פון צייטן.
רוי און אומבאַהאַוסטזיניק איז די נאַטור.
פרייד אוןליידן לויטערט אין דער פינסטער,
פרייד און ליידן איז פון וועלט דער גוף.
נאָר ווען זי זאַפּט אין זיך אַריין די אומרו
און וויל אַראָפּשיילן פון זיך איר צער,
ברעכט אויס אַ שטורעם אין איר יעדן אבר —
און זי שאַפט זיך איבער פון דאָס ניי.

ל ו י ט ע ר ק יי ט :
דערקען דאָס ליכט, וואָס ווייזט זיך דיר.
עס גייט צו דיר —
מוזט קומען באַלד צו איר.

מ יי ד ל (יערמינע) :
איך פיל אַ שרעק פאַר אַלץ, וואָס דאַרף
נאָך זיין,
און נאָך מערער שרעק,
וואָס דו רופסט זיין און גיין.

וו אָ ר ע נ ו נ ג :
דיין צייט איז באַלד אַרום —
און ניט קיין קלאָגן קען דאָ העלפן וואָס דו ווילסט.
דו מוזט אַראָפּ —
און פילן צוליב וואָס.

מ יי ד ל (יערמינע) :
הימל, ערד!
ווער קען דעם סוד מיר זאָגן —
וואָס טיילט זיי אָפּ?
וואָס בינדט זיי צו?

וואָס גיט דאָס זיין, וואָס מאַכט ניט ווערן?
וואָס ווייזט מיר ליכט — און רופט דאָס ניט קיין לעבן?

בענקשאַפט:
דאָ איז נאָר די שוועל פון זיין און ניט-זיין,
דער בלויער נעפּל צווישן נאַכט און טאָג.
פון דאָ גייט אויף דיין בענקשאַפט, טרוים און פילן,
פון דאָ קומט אָן דיין אויפגאַנג פאַר דער וועלט.

קומסטו אָבער אויף דער ערד אַראָפּ,
ווערסטו פול מיט אַ פאַרלאַנג צו לעבן,
פילסט דיין יעדן אָדער צו דער וועלט געבונדן —
די וועלט, וואָס דו אַליין קענסט אַ געשטאַלט נאָר געבן.

מיידל (יערמינע):
פאַרוואָס זשע דאַרפן וועלטן אומצוברענגען זיין,
ווען יעדער זעט פאַר זיך דעם וועלטן-גאַנג
און ווייסט שוין וואָס ס'וועט זיין?

דערינערונג:
אויפגיין זאָלן אין דיר דערמאָנונגען,
און דערקען דאָס לעבן פון אַמאָל.
וואָס זעסטו אין דעם קוק פון דיין געדאַנק
און אין געפיל, וואָס לויטערט אויס דיין וואָרט?

מיידל (יערמינע):
איך זע אַ שטיק פון גרויסער ערד,
באַהייזערט און באַגרינט.
און מיך באַפאַלט אַ שרעק פאַר זיך אַליין —
בין איך ניט אַ גולם אויסגעמאַכט,
וואָס ט'מוזן פאָלגן וואָס מ'עט הייסן טאָן?

לויטערקייט:
ניט קיין גולם רייניקט אויס די וועלט
פון לייד און פיין,
נאָר דער מענטש אַליין —

דער מענטש, וואָס זעט די וועלטן קלאָר
און דערגייט אַליין זיין לעבנס סוד.

דו ביסט באַשטעלט פאַר וועלט.
וואו ווילסטו זיין?

מ י י ד ל (יערמינע):
מיין היים, מיין היים —
נעם מיך אויף!
זאָלן אויסשטרעקן צוויי ליבע מוטער־הענט.
איך זע זיי אַלע ווידער ווי געווען:
אין גרויסער הויז —
עס בּרענט אין קוימען פייער העל,
און דער פייער ציט זיך,
שפּרייט זיך.
גאַנצע וועלטן ווערן מיט די פלאַמען פול.
אַט לייכט עס אויף דער ערד אַ פונקען־באַרג —
און אַלע לויפן פון דער ווייט און ברייט,
יעדער זוכט זיך זיינע פונקען אויס.
מענטש, וועלט, צייט און אייביקייט —
אַלע דרייען זיי זיך אין אַ ראָד,
און איבער אַלעם שוועבט אַרומעט גאָט.

ל ו י ט ע ר ק י י ט:
וואָס זעסטו ווייטער נאָך?

מ י י ד ל (יערמינע):
זיבן לענדער אויף דער וועלט,
יעדעס לאַנד — אַ שטערן,
בּאַ יעדן שטערן טומלט אַ פאַרגיין,
בּאַ יעדן שטערן — אויפגאַנג.
אַט שטייט אַ פרוי און אָטעמט שווער.
זי האָט צעלאָזטע האָר, אַ רויטע קלייד.
אַט כאַפּט זי זיך פון וועלט צו וועלט,
זי הויבּט זיך אויף און פאַלט צוריק
פון פינסטערניש אַריין אין ליכט,
פון ליכטיקייט אין פינסטערניש,

פון אונטערגאַנג אין אויפלעבונג —
מיט שטילן ווײ, מיט אויסגעשרײ.
אָט איז זי שוין צום העכסטן שטערן באַלד!
זי איז מיד, הונגעריק, זי פאַלט.
עס שטרעקט איר אימעצער אַ האַנט
צום העכסטן שטערן פון דער וועלט.
דער שטערן ליכטיקט אויף...

ג ע ר ע כ ט י ק י י ט:
צעפאַלן זאָל ווערן אין בלוילעכע פלאַמען
דאָס וואָס געווען איז, דאָס וואָס דאַרף ווערן.
דער מענטש איז אַצינד בא דער שוועל
פון ניט ווערן.
דער מענטש גייט אַצינד צו אַ נייערן לעבן.

דער בלוטיקער פּאַראַד

צווייטער טייל

דער פּאַראַד

ווען אַ גרינלעכע נאַכט האָט פאַרשלומערט
אין די אָרעמס פון זומער,
ווי אַ בלאַס קינד אויפן שויס פון אַן אויסגעפּוצטער מאַמען,
האָבן ליכט זיך באַלויכטן
אין אַן אַלטן און וואונדערלעכן פּאַלאַץ,
האָבן ליכט זיך באַלויכטן
אין גאַסן אויף שווארצע פּאַנעץ.

און מענטשן געפּוצטע, מיט פרעכע געשרייען,
וואָס האָבן געשטראָמט,
זיך צעשאָטן,
ווי האַרבסטיקע בלעטער אין גאָרטן.
און נאָך מערער האָט זיך אַן עלנט פאָלק געצויגן —
אומעטיק, בלייכע,
מיט הונגער און האַס אין די אויגן.
און ניט קיין געלעכטער,
נאָר עפּעס אַ ביטערער קרעכצן
האָט זיך צעטראָגן איבער די ליכטיקע גאַסן.

טריט פון בלאַנקע שטיוול,
וואָס האָבן מיט שפּאָרן געקלונגען —
אַזאַ טאַנץ פון שווארצע מאַלפּעס,
אַזאַ שפּיל פון שווערדן און טאַנקעס
אַריבער די ליכט פון גאַסן,
אַריבער די גרויע ווענט.

און אַלעם צוליב נאָר אַ מענטשל,
וואָס האָט זיך מיט גרויסקייט געטראָגן.
דער אויסדרוק פון פּנים — פול ווילדקייט,
די אויגן, וואָס גולמען, שטעכן,
ליפּן — אַ לוסט אויף צו מאָרדן.
און אַלע מיט אים, ווי אַ פייער,
וואָס טראָגט זיך אַ וועלט צו פאַרדאַרבן.

עס האָט דער אָרקעסטער צעשפּילט זיך:
אַן אָנזאָג — דער הערשער וויל ריידן.
איבער די ווילדע געשרייען,
איבער די פויסטן פון צאָרן,
איבער די גאַסן פון רייכטום,
איבער די גאַסן פון טרויער,
דורך, דורך דער נאַכט דער גרינער,
דורך, דורך די פינקלענדע שטערן —
האָבן צוויי עכאָס געענטפערט,
עס האָבן צוויי טויטן דערזען זיך.

און אָט פון דעם קליינינקן מענטשל,
וואָס האָט זיך דערהויבן צו הערשן,
האָבן זיך ווערטער געשאָטן,
ווי פייער, ווי שפּיזן און שווערדן.
און אַלץ האָט דעם אָטעם פאַרהאַלטן —
אַזוי ווי אַ רויך וואָלט פאַרשטיקט זיי.
מער נאָך — די קרעכצן און זיפצן
פון אָרעמע פעלקער, וואָס ליידן,
האָט זיך אין ווייטקייט צעטראָגן,
ווי פויגלען, וואָס ווערן צעטריבן.

הערשער:
זאָל ווי אַ שטורעם צעווייען די פרייד
פון הייליקן קריג,
און זען זאָל די וועלט, וועלכע האָט ניט קיין פּנים,
אַז אונזער איז דער זיג.
צעטראָטן ווי ווערים זאָל ווערן
דער שונא אויף אונזער ערד.

יעדע שווערד און יעדער מעסער
זאָל דינען
אויף אָפּצוראַמען יעדן שטערער.
הייליק זיינען מיר אין אונזער בלוט,
און ווייסט וועט יעדן פרעמדן זיין,
וואָס וועט זיך וועלן צופּאַסן צו אונז!

פון איין זייט האָט דער טומל זיך מיט הענט געהויבן,
פון איין זייט האָט דער טומל זיך מיט פויסט אַראָפּגעלאָזט—
עס האָט פאַרהילכט, און אָפּגעהאַקט,
ווי אַ שטיין, וואָס פאַלט אַריין אין טייך.

נאָר צאָרן האָט דעם הערשערס מויל באַוואויגן,
און ווי אַ פייל פון בויגן
האָט ער מיט אַן אויפגעהויבן האַנט
צום פאָלק געשריען.

הערשער:
נישטיק זייט איר, ווי די מייז אין לעכער!
צו גרויסקייט האָלט דאָס לאַנד זיך אין דערהויבן,
און נאָר מלחמה קען אייך רעטונג ברענגען.
איר זעט — מיר האָבן זיגן איבער זיגן.
צו אונז וועט זיך די גאַנצע וועלט נאָך בויגן.
און ווער עס וועט ניט גלויבן אין מיין כוח,
צי עפּעס ריידן שלעכטס — בלייבט שאַרף מיין שווערד.
ברענגט די קריגער מיר אַהער!

קריגער פיר, אין זעלנערישע קליידער,
האָבן זיך פון וואו אַרויסגעהויבן
און מיטן טאַקט און קלאַנג פון דעם אָרקעסטער
צו דעם הערשער גראַד זיך אויסגעצויגן.

הערשער:
רעדט! ווי האָט איר אייער זיג דערבראַכט?

1-טער קריגער:
דורך פייער, שווערד,

איבער גריבער און פאַרשטיינערטע ערד
זיינען מיר אַוועק צום יענעם לאַנד.
דאָס לאַנד איז שטיל, און היים איז דאָרט די לופט.
די מענטשן ריידן דאָרט אַ שטילע שפּראַך,
קוים מען הערט זיי נאָר —
דאָך יעדער קען פאַרשטיין.
מיר זיינען דאָרט אַריין,
דאָס לאַנד באַלויכטענע פאַרשטעלט
דורך רויך פון ברענענדיקע שטעט.
קיין איינעם האָבן מיר דאָרט ניט פאַרפעלט די שטראָף.
דאָס גאַנצע לאַנד צעשטערט —
און דאָ געפאַנגענע געבראַכט.

פרעמדע קריגער, געשמידט אין קייטן,
ווערן געפירט פון סאָלדאַטן מיט ביקס און שווערד —
מיט הונגער אין פּנים,
טרויער אין די אויגן,
אָן שיך און אָן זאָקן, מיט אַנטבלויזטע קעפּ.

געפאַנגענע:
ניט קיין קרעכצן, ניט קיין וויינען,
אויסגעלאָשענע פון פאַרבן,
ציען מיר אַזוי אין רייען,
ניט צו בעטן, ניט צו שטרייטן.

2-טער קריגער:
דאָס זעלביקע, ווי לעדואַר, ברענג איך מיט
אַ גרויסן זיג.
גרויס און טיף דאָס לאַנד,
שטעט און שטעטלעך, רייך און אָרעם —
אַלץ וואָס הייסט אַ מענטשנס זיין.
אויך מיר האָבן אַלץ צעשטערט פון דאָרט,
מיט אַ לאַכן הויך איבער זיי געשפּאָט,
מיט פלאַם און פייער אויך אַזוי די שטעט געברענט.
קיין איינעם האָבן מיר דאָרט ניט פאַרפעלט די שטראָף —
און אויך געפאַנגענע אַהער געבראַכט.

און ווידער ברענגט מען פרעמדע קריגער,
געשמידט און פאַרפייניקט.
אַ זיג פאַרן הערשער, אַ פרייד פאַר זיין סוויטע —
און אומעט אין די אויגן פון פאָלק.

ג ע פ אַ נ ג ע נ ע:
מיר וואַרפן קיין אַלטע ניט אום,
מיר בויען קיין נייע ניט אויס.
מיר לעבן ניט, ווען מיר זיינען יונג,
מיר שטאַרבן פון עלטער ניט אויס.

3-טער קריגער:
געטריבן דורכן שטורעמדיקן בלוט,
איבער טויזנטער געפאַרן פון דער ערד,
דורך טעג און נעכט, ניט וויסנדיק קיין רו —
אַזוי געוואַנדערט דורך אַ וויסטעניש
מיט שוואַכע, וואַקלענדיקע טריט.
קיין וועג, קיין שטעג, קיין וואַסער-פלעק...
אַ סך, אַ סך געבליבן אויפן וועג.

און פלוצלינג גאָר אַ בליץ, אַ שטראַל,
אַ זילבער וואַסערפאַל,
אַ טויער גרויס, אַ הימל ליכטיק-בלוי.
אַ קינד צוזאַמען מיט אַ לייב און שאָף.
שטעטלעך, שטעט אין ליכטיק זונען-גאָלד
מיט זינגענדיקע וואַסערן אַרום.
גרין באַקליידט ליגט ערד, קינדיש פרום.
און נעכט? ווי בלויע אויגעלעך פון קינד.
און עפּעס גאָר קיין שפּראַך, נאָר שטיל, ווי פעלד באַנאַכט —
אַ זשומיקער געזאַנג.
און שווער אַזוי איז דאָרט דער קאַמף.

ווי אַ שטאָלענער שאַרף,
האָט דעם הערשערס בליק געשטאָכן דעם קריגער,
וואָס האָט בלייך און באַליידיקט געטראָטן צוריק,
און מיט זיין אייגן שווערד אין זיין אייגן האַרץ

צעשניטן דעם צאָרן
און איז אַנידערגעפאַלן צו דעם הערשערס פיס.

אַן אויסגעשריי פון שרעק האָט זיך געהערט,
און ווידער שטיל.
און נאָר די גרינגע נאַכט, די בליצנדיקע שטערן
האָבן אַלץ פאַרנומען.

געפאַנגענע:
מיר טריפן מיט ליכטיקע טראָפּנס אין אומעטיקייט,
באַזוימען מיט פאַרבן דאָס פריידיקע איצט.
מיר לעבן צוריק אויף דאָס גרויע צעשוואומענקייט,
מיר בלייבן דאָס אייביקע וואַנדערנדע ליכט.

איינער:
עס האָט נאָך ניט אַזוי פיל בלוט
די ערד, ווי איצט געטרונקען —
און ס'וועט ניט פריי ווערן דערפון,
ביז איין קול, איין געשריי
וועט רוישן איבער ערד —
דער הערשער, העלד!

יערום:
אייביקייט זאָל זיין דעם הערשערס זיג;
אייביקייט זאָל זיך זיין לעבן ציען!
ווער עס וועט ניט פרייען זיך אַצינד —
איין קלאַפּ מיט אָט דעם שווערד
און נאָך אַביסל בלוט!

א פרוי:
ניט רייד אַזוי, מיין זון,
ניט רייד אַזוי פון בלוט.
נאָך לעבט דער הערשער דאָך,
נאָך רוט זיין שווערד ניט אָפּ.
שוין רויט די ערד פון דאָס פאַרגאָסן בלוט —
זאָל שוין זיין גענוג!

און ווי די גרינע נאַכט וואָלט אַ געשריי געטאָן
און אָפּגעהילכט פון ווייט און ברייט —
גענוג! גענוג!

און ווי פון שלאַנג געביסן,
איז דער הערשער אויפגעשפרונגען,
אַ בריק געטאָן דעם טויטן קריגער,
אַ צייכן — אים אַוועקצונעמען.

הערשער:
קאָפּ פאַר קאָפּ
זאָל זיין פאַר אַזאַ וואָרט.
די פרוי פירט אָפּ!

יערום:
זאָלן טונקל ניט ווערן די שטראַלן פון פרייד,
זאָל ליכטיק היינט בלייבן!
עס וויטן זיך ווייטנס, עס בריטן זיך ברייטנס —
די אייביקייט ליגט אין אַ נעץ איינגעפאַנגען
און צאַפּלט, און וויל פון איר נעץ זיך באַפרייען.
באַפרייען זי — הייסט דאָך צוריק אַלץ פאַרלאָרן!

הערשער:
טרעט אָפּ, דו שוואַכע פרויען־האַרץ.
די אַלע פריידן בלייבן פרעמד פאַר דיר.

די פרוי:
פריידן ציען צו זיך פריידן צו,
בלוט פאַרלאַנגט פון זיך קעגן־בלוט —
און אַלע מאַמעס זיינען מאַמעס נאָר.

יערום:
כוחות טומלען זיך אין מיר אַרום,
כוחות גרויזאַמע, וואָס פאָדערן נאָר בלוט,
כוחות רייסן מיך דערפון אַוועק,
כוחות דריקן טרויער אין מיין האַרץ.
וואָס זאָל איך טאָן? וואָס קען איך טאָן?

הערשער:
אין דיר לייג איך די שווערד פון אָט דער האַנט,
די שווערד, וואָס איז דער גאַנצער וועלט באַקאַנט.
קיין טרער, קיין צער האָט ניט מיין האַרץ גערירט,
קיין קרים, קיין טרייסל ניט אין אויג געשפּירט —
אַזוי האָט יעדערער מיר נאָכגעטאָן.

די פרוי:
עס שטאַרקט מיין האַס און וועקט מיין פּיין,
ווי גרויע נעפּלען אָן אַ שיין.
וואָס וועט געשען? וואָס וועט געשען?

הערשער (בייז):
טאַנץ! מוזיק!

דער פּלאַץ אַרום הערשער ווערט פריי,
דאָס ליכט ווערט פאַרטונקלט אַרום.
עס פליען געשטאַלטן אַריין
אין ברוין און אין שוואַרצן געקליידט.

דער טאַנץ איז צעררייצטקייט און ווילד.
די מענער — מיט שווערדן און שפּיז,
די מוזיק — אַ רוישן פון ים
און פון שפּיזן און שווערדן אַ קלאַנג.

און שטיל, ווי אַ מייען באַנאַכט.
עמיצער וויינט און עמיצער לאַכט.
און פּלוצלינג — אַ קלאַפּ און אַ פאַל,
און טריט אין אַ קרייז, אין אַ ראָד.

אַ בלויע ליכט, ווי זיידנס דין.
טענצער מיט געבויגענע קעפּ
וואַנדערן אַזוי אַרום —
און אַלע שווערדן אין דער מיט.

יעדער טוט אויף דעם אַ בריק.
און רויטער שטראַל אין בלויער ליכט.

עס ליכטיקט אויף די פינסטערניש—
און אַלץ פאַרשווינדט אַוואו צוריק.

ה ע ר ש ע ר (מיט צאָרן):
וואָס פאַר אַן אַנזאָג האָט דער טאַנץ געהאַט?
ברענגט דעם מייסטער פון דעם טאַנץ אַהער!

שטאָלץ און בלייך, וואונדערלעך געקליידט,
קומט דער טאַנצמייסטער, פון מיליטער באַוואַכט.

ה ע ר ש ע ר:
ווער דערוועגט זיך וואַרפן אין מיין לאַנד
דעם שווערד?

ט אַ נ צ מ יי ס ט ע ר:
עס האָט אַן אַנדער כּוח
דעם טאַנץ רעגירט.

ה ע ר ש ע ר:
ניט דער זין פון טאַנץ איז דאָס געווען!

ט אַ נ צ מ יי ס ט ע ר:
קיין גלייכן ניט דערפון.

ה ע ר ש ע ר:
איך גלויב ניט אין קיין זאַך, וואָס בלענדט.
דיין קאָפּ פאַרשיק אַהין!
מיין שווערד!

י ע ר ו ם:
דאַן טויט איך דיך!

י ע ר מ י נ ע:
ניין, ניין, יערום!
עס זאָל דיין האַנט באַהיט ווערן פון בלוט!
אַ פינסטערניש צעשפּרייט זיך אין דער לופט.
וואו מען גייט און שטייט

טראָגט זיך אַ גערוך פון בלוט... בלוט...
עס דריקט די האַלז מיר צו.
פאַרשווינדט, איר טרוקן פאָלק, אָן מוט!

יערום:
ס׳איז פינסטער אַרום מיר!

הערשער:
אין קייטן שמידט די פרוי, וואָס האָט דעם שונאס בלוט!

און גיך ווערט דורכגעפירט דעם הערשערס וואונטש —
אַן אָפּטיילונג פון מיליטער,
ווי אַ האַנט־בראַסלעט,
רינגלט זי אַרום.

הערשער:
לאָזט שטיין די פרוי און צוהערן דעם גרויסן זיג.
דעם טאַנצמייסטער אַ טויט!

איינער (צום טאַנצמייסטער):
שטאַרב, דו!

יערמינע:
בלינדע, אויסגעפוצטע שקלאַפן!
בעט, און ציטערט פאַרן מעכטיקן,
עס זאָל זיין מעסער בלייבן שאַרף —
פאַר אייער אייגן האַרץ,
און אייערע מעסערס האַלטן גרייט,
ווי מערדער פאַר אַ מאָרד.

יערום:
עס טומלט זיך אַ פינסטער־ליכטיק קנויל...
ווער וועט דער זיגער זיין?

הערשער:
טראָג דעם שטאָלצן שטאַם
פון גרויסן הערשער־פאָלק!

די ווייכקייט פון דיין מאַמעס גאַב
ראַט אוים!

און ווידער שפּילט די מוזיק הויך און פריילעך —
אַן אָנזאָג, אַז עס קומט דער פערטער העלד.

הערשער:
וואָס ברענגסטו מיט פון לעצטן זיג?

4־טער קריגער:
קיין שטראַל פון ליכט,
קיין טראָפּן זיג.

הערשער:
זאָל שטום ווערן דאָס מויל,
וואָס רעדט דאָס אַרויס.

4־טער קריגער:
איך וויים, דאָס איז מיין לעצטעס וואָרט.
עס קילט דער טויט
מיין הייסן בלוט.

הערשער:
רעד אוים! ווי קומסטו אַזוי שוואַך צוריק?
האָסטו פאַרלאָרן שוין דיין כוח
אין אַט דעם קריג?

4־טער קריגער:
איך וואַרט מיין טרויעריקן סוף

הערשער:
דורך וואונדן פיל?

4־טער קריגער:
שטאַרק און גרוים איז יענעם לאַנד.
זי האָט אַן ערד פון אייביק טאָגיקייט,

זי האָט אַן ערד פון אייביק פרילינג-צייט,
שטעט און שטעטעלעך פאַראייניט,
און אלע זיינען פריינט,
מיט אַ קלאָר פאַרשטאַנד.

און נאָענט אַזוי איז אָט דאָס לאַנד,
און שווער איז דאָרט דער קאַמף.
וואָס מער בלוט עס האָט געפלייצט,
אַלץ שטאַרקער איז איר ליכט —
און פייער, פלאַם — פון אונזער זייט.

פאַרצווייפלטע מיר בלייבן שטיין...
און פלוצלינג — רויטע ליכט,
אַ ים פון לויפנדיקע טריט
מיט פייער-פלאַם אויף אונז,
וואָס האָט געשניטן, ווי די זאַנגען אין אַ פעלד —
און אונזער מאַכט באַזיגט.

יערמינע:
צו גרויסקייט גייט זי אויף, דאָס לאַנד.
צו ליכט און מענטשן-ליבע איז איר ציל —
און ניט קיין גרויזאַמע מלחמה,
ניט קיין פעלקער-האַס.
אַזוי דאַרף זיין! אַזוי איז גוט!

הערשער:
פירט זי אָפּ!

יערום:
ניט וואַגט זי קומען נאָענט!
איך זע נאָך אַלץ אַ קנויל
פון שאָטנס, ליכט.
וואו גייט מיין וועג?

הערשער:
אין שלאַכט מיט מיר —
דאָס לאַנד מוז אונטערגיין!

4-טער קריגער:
פון קאַמף וועט גאָרניט זיין!

הערשער:
וואו זיינען דיינע קריגער אַלע?
בלוט! בלוט!

יערמינע:
נאָך גרויסער פינסטערניש — קומט ליכט!
וואָס קומט נאָך אומשולדיקן בלוט?

הערשער:
בלוט! בלוט!

פאָלק:
גענוג! גענוג!

הערשער:
ברענגט דעם צויבערער אַהער!

צויבערער:
דורך שטורעם, דורך רעגן,
דורך דונערן, בליצן —
קיין זאַך זאָל ניט שטערן
דיין וואונטש צו דערפילן.

הערשער:
פאַרלאָרן איז דער לייכטסטער קאַמף,
וואָס וואָלט געווען דער גרעסטער זיג —
און אַלע קריגער, מיד און שטום,
טרייבט מען אָן אַט דאָ צוריק.
וואָס וועט געשען?!

צויבערער:
ניט דורך קוילן, ניט דורך פייער,
ניט דורך שווערד און ניט דורך וואַסער —
עס בלייבט דער קאַמף פאַרלאָרן!

ה ע ר ש ע ר :
שווייג !

צ ו י ב ע ר ע ר :
נאָר איין זאַך בלייבט...

ה ע ר ש ע ר :
רייד !

צ ו י ב ע ר ע ר :
פאַרוואַנדלט זאָל דאָ איינער ווערן אין אַ שפּין
און איבערטראָגן זיך אין יענעם לאַנד.
פאַראַן אַ מענטש, וואָס טייער איז ער זיי,
נאָך טייערער ווי דיר דאָס גאַנצע לאַנד.
ער זאָל פאַרביטן ווערן אויף אַ פליג —
און שפּין זאָל אים פאַרציען אין זיין נעץ
און ברענגען זאָל ער אים אַט־דאָ אַהער.
דאַן פאַלט דאָס לאַנד —
גייסטו איין ?

ה ע ר ש ע ר :
אַזוי זאָל זיין !

י ע ר ו ם :
שטורעם, פינסטערניש און בלוט...
ליכט ! ליכט !
עס איז מיין האַרץ מיט אומרו פול.

י ע ר מ י נ ע :
ניט אייער שוואַרצע מאַכט
וועט אומברענגען אַ לאַנד פון נייעם לעבן !
אַ טויט די ווייסע געצן !
אַ טויט דעם טיראַן !

ה ע ר ש ע ר :
פייער ! שיסט אין זיי !

פ אָ ל ק :
אַ טויט דעם טיראַן !
אַ טויט די ווייסע געצן !

געפאַנגען

דריטער טייל

באם הערשער אין פאַלאַץ
אַ וואונדערלעך זאַל —
אינמיטן פאָנטאַנען
מיט בלומען אַ סך,
ווייכע דיוואַנעס
מיט לאָמפּן — קרישטאָל.

אָפענע פענסטער
מיט זונען־פאַרגאַנג,
טירן אין רייען —
און אַלע פאַרמאַכט.

פון הינטער די טירן —
מוזיק און געזאַנג,
פון הינטער די טירן —
געלעכטער און טענץ.

יערמינע, דאָס מיידל
פון אָרעמען פאָלק.
איר פּנים — אַ ליכט,
אירע אויגן — אַ טרוים.

מיט ליפּן, וואָס ריידן
פון אומרו און קאַמף,
מיט ליפּן, וואָס ווייגען
אויפן אומגליק פון וועלט.

וואנדערט זי אום
פון אָרט צו אָרט —
אַ געפאַנגענער פויגל
אין שטייגל פון גאָלד.

יערמינע (שטיל):

פאַר דיר — מיין נייע דערקענטעניש,
דו, וועלט, וועלכע שפּרייט זיך פאַר מיר.
ווי אַ באַרג, שטיי איך אין ים פון רווישעניש,
וואָס זעט ניט קיין וועגן פאַר זיך.

די זאַפט, וואָס מיין היים האָט מיך אָנגעטרענקט,
פיל איך פאַרלאָרן פאַר מיר.
די ערד, וואָס האָט מיין האַרץ פאַרליבט געמאַכט,
פאַרגייט אין אַ ניט-וויסן וואוהין.

נאָר אייביקייט זשומט מיר אַן אומעטיק ליד
מיט קרעכצן פון טויזנטער מענטשן געמישט,
אַ געוויין, וואָס ס'קומט פון צעווייטיקטער האַרץ,
אַ געוויין, וואָס ס'קומט פון הונגער און וויי.

פאַר דיר, מיין נייע דערקענטעניש,
וואָס פילט אַזוי שטאַרק פון ליבע די פּיין,
און בענקט נאָך זיין קומען,
און וואַרט אויף זיין גיין,
וואָס ברענט נאָך נקמה, און לעבט אין אַ טרוים,
און ליגט דאָ געפאַנגען אין גאָלדענע ווענט.

לעבן! לעבן! ווייז מיר אַ וועג
און לאָז מיר דערגיין צו מיין אייגענעם איך.

די פרוי:

יערמינע, יערמינע!
דו וואונדערלעך מיידל פון פאָלק!
צי ביסטו געשאַפן פאַר פרייד,
צי ביסטו געשאַפן פאַר פּיין?

שווער איז די האַנט,
וואָס האָט דיך פאַרדאַרבן געוואָלט.
נאָך שווערער די האַנט,
וואָס דריקט אויף אַן אומשולדיק האַרץ.

מיין זון, מיין יערום,
וואָס צערט אין זיין ליבע צו דיר,
און בלייכט, און פאַרגייט,
ווי די זון אין אַ זומער־פאַרנאַכט —
דערבאַרים דיך, איידעלע קינד,
און שענק אים דיין ליבע צוריק.

יערמינע:
ניין! ניין!
עס פלאַמט, און עס שטאַרבט וואָס אין מיר.
איך ווייס ניט אַליין וואָס מיר פעלט,
איך ווייס ניט אַליין וואָס איך וויל.
עס שטאַרבן אַפּ ליכטיקע טעג,
עס ליכטיקט אויף טונקעלע נעכט —
און אַלץ הינטער ווענט דאָ פאַרשפאַרט,
פאַרלאָזן פון אַלע מיינע פריינט.

די פרוי:
איך בין אַ מאַמע נאַר.
געדענק!

יערמינע:
און איך? געפאַנגען ווי אַ שוואַכע פליג,
וואָס ווערט פאַרשפונען דורך אַ שוואַרצן שפין.
און אויך, ווי דו,
וויינט אַ מאַמע אויף איר קינד.

די פרוי:
זינט גאָר ניט לאַנג
האָט זיך מיין האַנט
באַפרייט פון שווערער קייט.

דאָ דער זיין איז ווײ און פּײַן —
נאָר אויך איז דאָ אַ פרייד!

יערמינע:
וועלכע פרייד
קען זיין אין אַזאַ לעבן?

זי וואַנדערט פּאַמעלעך צום פענסטער.
די זון גיסט אַ בלוטיקע פאַרב.
און עפּעס אַ רױשן פון בוימער,
ווי ווײַטע פאַרשטיקטע געשרייען.

און אַזוי ווי עס בײַט זיך אין חלום,
פאַרלירן די אויגן דעם גלאַנץ,
און עפּעס פאַרציט זיך איר פּנים,
ווי אַ ליכט אין דער נאַכט, ווען זי צאַנקט.

יערמינע (שטיל):
זשומט, זשומט, מײַנע היימישע פעלדער,
אין שטילער פאַרנאַכטיק צעגאַסענער זון.
פאַרביק באַבלומט אַלע גרינינקע לאַנקעס,
אויף וועלכע עס טאַנצן די קינדער אַרום.

הייליקע שטילקייט... דער הימל ווערט בלאַס־בלוי,
און אַלץ מיט אַ זילבערענעם חלום באַצויגן.
דעכער און הײַזער, באַפּלעקט מיט לבֿנה,
ווײַטן און ברייטן, פאַרגאַרטלט מיט שײַן.

עס זיצט וואו פאַרבאָרגן די פרוי פון חלומות
און שפּינט פאַר דער וועלט אויס די שיינקייט פון ערד —
די וועלט, וואָס איז פול מיט צעבראָכענע לעבנס,
און האַלט מיך געפאַנגען אין גאָלדענע ווענט.

שטימען פון דרויסן:
מיר וואַנדערן, ציען דורך וועלטן דיך זוכן.
מיר זײַנען די רויטע באַגינענס, יערמינע,
וואָס דו האָסט געשאַפן.

שטימע פון דרויסן:
פון הויכע הימלען קומען מיר אַראָפּ
אַ גאָלדיק שיין צעשפּרייטן אויף דער ערד
און גיסן אָן מיט ליכט אַ גאַנצע וועלט,
צעגייען זיך פאַנאַנדער אין דער לופט.
מיר זיינען די אייביקע שטראַלן פון זון.

שטימע פון דרויסן:
דורך טיפער ערד־גרעב שפּאַרן מיר זיך דורך,
אין זילבער גרויקייט שפּרייטן מיר זיך אויס
און טרינקען אָן מיט זאַפטן אַלץ, וואָס שפּראָצט,
צעגייען זיך פאַנאַנדער אין דער לופט.
מיר זיינען די זילבערנע טויען פון דער ערד.

יערמינע:
איר הייליקע שיינען פון טרוימען,
ניט ציט אַזוי גיך זיך אַריבער.
גיט אָפּ מיר אַ גרוס פון מיין מאַמען!
גיט אָפּ מיר אַ גרוס פון די מענטשן —
צי זיינען זיי אויך וואו געפאַנגען?

שטימע פון דרויסן:
אין מענטשנס הערצער ברענט די אומרו,
יאָרן־לאַנגער טרויער לייכט פאַר זיי דעם וועג.
אָן אייביקע נקמה גלאַנצט זיי פון די אויגן,
און כוח אין די הענט צו אומברענגען אַ וועלט.
בלוטיק ליגן לענדער שטעט און וועגן,
בלוטיק וועט דער וועג גיין ביז אַהער.

און ווי פון אַ חלום וואַכט אויף יערמינע,
די אויגן פולן לאַנגזאַם זיך מיט ליכט.
ווייַ און צאָרן שוועבט אַרום די ליפּן,
איר דין געשטאַלט ווערט ווי אַ בוים אין ווינט.

יערמינע:
אַלע צאַמען מוזן זיך צעברעכן,
אַלע קוילן אויסגעשאָסן ווערן —

שטאַרקער גייט אַן אויפגאַנג אויף די וועגן
און אַלע צייטן אין דעם איינעם שליסן.

די פרוי, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען,
האָט געקוקט און ניט פאַרשטאַנען.
די וואונדערלעכע מיידעלע יערמינע
האָט איר אָנגעפילט איצט מיט אַ נייעם זינען.

און לאַנגזאַם האָט אַ טיר זיך אויפגעעפנט.
אויפן שוועל איז שטיל און בלייך געשטאַנען
יערום — און האָט מיט שרעק צו זיי גענעענטערט.

די פרוי:
מיין זון!

יערמינע:
יערום! יערום!

יערום (שטיל):
גענוג גערעדט פון טרויער, לייד.
קום,
לאָמיר טיילן איצט אַביסל פרייד.

יערמינע:
וועלכע פריידן קען דאָס לעבן האָבן,
ווען זי אַליין ליגט איינגעשמידט אין קייטן?
דערמאָנונג, בענקשאַפט,
פאַרגאַנגענהייט און טרוימען —
צעשטערט, פאַרברענט, געטראָטן מיט די פיס...

פון טויזנטער געוויינען קלינגט אַריבער
דורך אַלע פריידן, וואָס אַזאַ לעבן שאַפט —
באַפריי דאָס אַלץ!
צעברעך די שטאַרקע צאַמען!
זאָל ניט לעבן זיין ווי אַ דאַרער בוים,
וואָס וויינט און שאָקלט זיך נאָך יעדן ווינט.

די פרוי (דערשראָקן):
יערמינע, קינד!

יערום:
דו מוזט באַפרייען זיך פון דעם געדאַנק,
ווייל אַזוי לאַנג
דער הערשער לעבט, רעגירט,
וועט ניט אַנדערש זיין די וועלט ווי איצט.

יערמינע (שטיל):
מער און מערער וויסטיקט זיך מיין זיין דאָ,
מער און מערער פינסטערט זיך דאָס ליכט.

יערום (מיט ליבע):
טעג און נעכט, ווי שוואַלבן, ציען דורך.
אין טיפער נאַכט פאַרזונקען ליגט מיין האַרץ.
קיין איינציק טאָג האָט נאָך קיין נאַכט באַהעלט,
קיין איינציק נאַכט האָט זיך מיט טאָג באַלייכט.
דיין אָנבליק איז מיין טאָג,
דיין טרויער איז מיין נאַכט,
און ביידע זיינען מיר אַ שפיל אין וועלט —
זיין און ניט־זיין ליגט אין הערשערס הענט.

יערמינע:
פאַרמויערט מיט גאָלד,
פאַרוויסטיקט מיט טויט —
איז דאָ לעבן געשאַפן פון אָנהויב ביז ענד.
אין גאַסן דאָס לעבן,
אין הייזער דער טויט...
אָ, שווער ביסטו, לעבן, פאַר מיר צו פאַרשטיין.

אַ ווײַלע ווערט עס שטיל.
נאָך דייטלעכער דערהערט זיך די מוזיק,
און טאַנצנדיקע טריט.

יערום:
הערסטו ניט די מוזיק פריילעך שפילן?

הערסטו טאַנץ, געזאַנג און ווילדע פרייד?
דער גרעסטער אומגליק האָט היינט אויסגעבראָכן!
און דאָ איז פול
פון ליכט און ווין דער זאַל.
קום, יערמינע, גיב דיין בלאַסע האַנט מיר,
לאָמיר גיין דורך רווישנדיקער פרייד.
אונזער טרויער לאָמיר איצט פאַרגעסן,
אונזער ליבע זאָל אַ ביישפּיל זיין,
אַז אַן אַנדער צייט קומט אָן.

יערמינע:
יערום, יערום, ניט רייד אַזוי —
מיין האַרץ האָט שרעק דערפילט,
אַ טומלעניש אין קאָפּ בא מיר.
ניט וואַג זיך געבן מיך אַ ריר!
טייער ביסטו מיר,
נאָר טייערער איז מיר מיין לאַנד.

יערום:
יערמינע, די שטילקייט ביסטו פון די נעכט
און דער כוח פון אַ שטורעם.
דו ביסט אַ ליכט, וואָס העלט און העלט.
ווער ביסטו, וואָס רופסט דיין לאַנד אַן נאָמען?

יערמינע (פאַרטראַכט):
מיין לאַנד איז אומעטום —
און קיינע.
מיין פאָלק איז שטאַרק און קלוג —
און האָט אַליין קיין מאַכט.

די פרוי:
ווי איך און דו —
געפאַנגען, און געפייניקטע צום טויט.

יערמינע:
זוניקע פלאַמען — לאָזט זיך אַראָפּ
און פאַרוויסטעט די וועלט!

טירן צווײ האָבן זיך געעפנט.
מענער שכורע און פרויען, ווילד פון תאוה,
האָבן זיך צו די געפאַנגענע געלאָזן.
און זײ פאַראוים — דער הערשער אין זײן צאָרן,
פרעך געפוצט,
וואָס האָט אַ וועלט דעראָבערט.

הערשער:
אַ טויט פאַר אַ טרויעריק וואָרט!

יערמינע:
פירער, הערשער — זע איך בין געפאַנגען.
זינט טעג, צי יאָרן, מאַטערסטו מײן יונגן לײב.
נאָר מײן נשמה טראָגט זיך דאָרט
אין ליכט, מיט אַלע די וואָס לײדן.
מײן נשמה טראָגט מיט זיך זײער צער
און אויך — באַפרײאונג.

שטענדיק טומל קלינגט צו מיר אַריבער,
הונגער, בלוט, פאַרטריקנטקײט און טויט —
אַ יאָמער־קנויל, וואָס האָט צו זיך קײן גלײכן:
דײן גרויזאַם קריג — ניט ווייסנדיק פאַרוואָס.

האָסט פון וועלט די שײנקײטן צעבראָכן.
געפאַנגען און געפײניקט פאַר דײנע פּיִם,
מײן מוטער ליגט אין קײטן אײנגעשלאָסן.
און דו ביסט פרײ — די הענט מיט בלוט פאַרשמירט!

הערשער:
אַ טויט פאַר אַ טרויעריק וואָרט!

די פרוי:
און דעם, ווער דעם טרויער
באַשאַפט?

הערשער:
שטאַרב, אָט דו טרוימערקע, אויך!

די פרוי:
פֿאַר דיר שלאָגט אויך דיין שעה.

יערום (ציט זיין שווערד):
מיין מוטערס טויט — טויט דיך!

הערשער (לאַכט משוגע):
ניט שווערד, ניט שפּיז, ניט אַלץ וואָס טויט
קען קאַלט מאַכן מיין בלוט.
פֿאַרקייט יערומען — און לאָזט אים שטיין.
מוזיק און טאַנץ אַהער!

און ווידער ווערט דעם הערשערס וואונטש דערפֿילט.
פֿאַרקייט די הענט, און בלייך,
בלייבט שטיין יערום.
און מוזיק אין ציטערדיקן קלאַנג,
און טענצער, ווי אַ ראָזער טאָג-פֿאַרגאַנג —
אַרום דער פֿרוי, וואָס ליגט צעצויגן טויט,
פֿאַרביי יערום, וואָס וויינט פֿון האַס און ווײ,
אַרום יערמינע, וואָס שטייט ווי אין אַ חלום,
פֿאַרביי דעם הערשער, וואָס גולמט שלעכטס און צאָרן.

יערום:
ניט לאָז מיך קוקן אויף מיין מוטערס טויטן גוף,
וואָס איז פֿאַרגליווערט דורך דיין קאַלטער האַנט געוואָרן.
הויב אויף דיין שווערד אַקעגן מיר, איר זון!

דיין זיין איז נאָר צו שפּילן זיך מיט לעבן.
נאָך הונגער, בלוט און טויט רייסט זיך דיין גייסט.
האָסט אַלץ צעשטערט, די שיינקייטן פֿון וועלט,
געפֿאַנגען ליגט צו דיינע פֿיס איצט אַלץ.

זע, די וועלט — אַ קאַרוסעל פֿאַר דיר,
וואָס דרייט זיך, ווי דו הייסט זיך דרייען.
און אַלע דאָך מיט שנאה קעגן דיר!
העי, טענץ. מוזיק! און דו — דערשטעך נאָך צווייען!

טאַנץ און מוזיק איז פאַרשוואונדן
און שטיל איז געוואָרן אַרום —
און שטיל ווערט די פרוי אָפּגעטראָגן.
דער הערשער באַקוקט זיך זיין שווערד.

הערשער:
מיין שווערד בלייבט שאַרף,
ווי לאַנג מיין האַנט בלייבט שטאַרק.

יערמינע (שטיל):
לאַנד, וואָס דיך האָט גאָט געשאַפן פון זיין האַנט,
דיין נאַכט, דיין טאָג מיט פאַרבן וואונדערלעך באַצירט,
דיין הימל דורכזיכטיק דערקלאָרט,
דיין ערד מיט בלומען־גראָז דערווייכט,
דיין וואַסער קלאָר קרישטאָל,
דיין ווינט אַ שטיל געזאַנג —
וואו אַלצדינג לעבט צופרידן, שטיל,
וואו אַלצדינג לעבט מיט ליכט, צו ליכט —
מיין האַרץ איז נאָענט דיין יעדער וועג און שטעג.
היים מיינס, טרוימען־לאַנד,
זאָל ניט דערגיין צו דיר דער טראָט פון שלעכטס!

יערום:
שווער איז די קייט, וואָס דריקט מיינע הענט,
ווי שווער עס איז איצטער די לופט,
וועלכע ברענט.
נאָר שטאַרקער פון אַלץ
איז ליבע — און האַס.

יערמינע:
אָ, עס ווינט זיך, ווינט זיך
אַזאַ זינגענדיקער ווינטל
און דערהויבט זיך צו די הימלען,
לאָזט אַראָפּ זיך צו דער ערד.
הייסע, בעטנדיקע טענער,
שטילע, טרויעריקע געזאַנגען
רייסן דורך די בלויע הימלען

און באַפרייען די זונען-פלאַמען.
הייסער, קלאָרער ברענט זי איצטער,
גרעסער, נעענטער רוקט זי אָן זיך.
צו דער ערד ווערט זי געלאָזן
דורך אַזוי פיל רויטע פעדים.
שטאַרקער, שטאַרקער ווערט דער ווינטל —
עס האָט אַ שטורעם אויסגעבראָכן.
עס האַלט מלחמה ערד און הימל!

ה ע ר ש ע ר:
אַ קילן וואַסער ברענגט
דעם דורשט צו שטילן!
ווי שווער און היים
האָט זיך די לופט פאַרביטן!

און ווי אין אויסברוך פון אַן אומגליק
הויבן אַלע אָן צו לויפן.
פרויען וויינען, מענער ברומען,
פענסטער ווערן צוגעשלאָסן —
און בא פענסטער די געשרייען,
ווי דער ים אין שטאַרקן שטורעם.
טירן קלאַפן, שויבן פּלאַצן —
און סאָלדאַטן קומען, לויפן.

א י י נ ע ר:
אַן אונטערגאַנג!
אַ גאַנצער מענטשן-ים
מיט פייער, שווערד,
דערטראַגט זיך דאָ אַהער!

ה ע ר ש ע ר:
פייער, גאַזן, שווערד —
זאָלן מאַכן פון די פעלקער נישטיקע
אַן ענד!

י ע ר מ י נ ע:
מאַכט פריי די קייטן פון געפאַנגענע!

ה ע ר ש ע ר :
שיסט אין פאָלק! פייער!

י ע ר מ י נ ע :
דיין כוח שטאַרבט!
עס איז דיין לעצטע צייט פון זיין!

ה ע ר ש ע ר :
ווי נאָדלען, פיל איך, שטעכן אין מיין לייב
און האַסטיק האַמערט מיר מיין האַרץ.
אַ וויסטער טומל שטייגט אין קאָפּ מיר אויף.
וואָס וועט געשען? וואָס קען געשען?

י ע ר מ י נ ע :
עס שטאַרבט אַ צייט,
עס קומט אַ צייט.

פאָלק, פאַרבלוטיקט און צעהרגעט,
פאָלק, פאַרהונגערט און פאַרדאַרט —
אין יעדנס אויגן ברענט נקמה,
אין יעדנס האַנט — אַ לעבן אָדער טויט.

פ אָ ל ק :
אַ טויט דעם טיראַן!

א יי נ ע ר פ ו ן פ אָ ל ק :
פאַר יאָרן און יאָרן פייניקן מענטשן,
פאַר הונגער, פאַר טורמע,
פאַר אומשולדיק בלוט —
טויט דיך אַ שווערד, געשליפן פון צאָרן און האַס,
דו סם פון דער וועלט!

י ע ר מ י נ ע :
ניין, לאָזט שטיין דעם געץ,
וואָס איז שוין איצט נאָר ליים,
און זאָל ער פילן, ווי זיין טויט

דערנעענטערט זיך אַליין.
אַ שפּיי זאָל זיין מתּנה זיין
אין וועג צו אייביקייט.

אַ פּ ר ו י :
עס ווייזן זיך שוין טייכן בלוט,
און ווערים קריכן פון דער ערד
אַרויס.

י ע ר ו ם :
כּוחות, פיל איך, שטאַרקן זיך אין מיר.
קלערער, פרייער ווערט עס אַרום מיר.
עס ברעכט די קייט!
ווער פילט דעם כּוח?
שטאַרקט זיך! קומט מיט מיר!

י ע ר מ י נ ע :
אויף גיך! אויף גיך!
די לעצטע פלאַמען שטאַרבן
און קילער, קאַלטער נעמען ווינטן בלאָזן.
עס וועט די וועלט אין פינסטערניש באַלד פאַלן.
קיין ליכט וועט ניט די שוואַרצע נאַכט דורכברעכן.
באַפריי אין לאַנד די איינגעשמידטע גלידער,
וואָס געהערן אַלע צו דעם גרויסן גוף פון לעבן.

ה ע ר ש ע ר :
עס זאָל זיך קיינער ניט פון ערטער רירן!
ווי לאַנג ס'וועט נאָר אָטעמען מיין אָטעם —
בלייבט פעסט מיין האַנט!
אין הייסן בלוט וועט זיך מיין לייב
דערוואַרעמען!

י ע ר מ י נ ע :
יערום, דערפיל דיין כּוח!

י ע ר ו ם (צום הערשער):
מיין מוטערס טויט —
גייט אויף אַ טויט פאַר דיר!

פ אָ ל ק:
ווי קיל און פריי עס איז די לופט געוואָרן —
ווי ניי־געבאָרן!

ה ע ר ש ע ר:
פלאַמען לעשן זיך אין הימל —
און אין מיר ברענט עס אַלץ שטאַרקער.
ווינטן לינדערן די ערד —
און אין מיר דאָרט איין, פאַרטריקנט.
נאַכט וועט פינסטער נאָר אַ נאַכט
פאַרבלייבן —
מיר וועט פינסטער שוין אויף אייביק בלייבן?

י ע ר מ י נ ע:
עס שטאַרבט אַ צייט,
עס קומט אַ צייט.

ה ע ר ש ע ר:
מיין צייט פאַרגייט.
ווי שרעקנדיק פאַרגייט עס!

י ע ר מ י נ ע:
ווי לעבנס פיל —
זיינען טויטן אויך פאַרשיידן.

און ווי אַ הירש שפּרינגט אויף יערום,
און פריי און שטאַרק גייט אויף זיין קול —
באַפרייען!
פעלקער, מיט אַ נייעם, פרישן מוט,
לאָזן זיך מיט אַ געזאַנג אין רייען.

יערמינע בלייבט אַזוי באַם פענסטער שטיין.
אַרום ווערט שטיל —
נאָר עפּעס שפּילט ווער פּיאַנאָ,
און די, וואָס זיינען דאָרט מיט איר פאַרבליבן,
האָבן זיך אין צימערן פאַרקליבן.

י ע ר מ י נ ע :
צווישן גיין, צווישן קומען
ליגט אַ שוועל אין פינסטערניש פאַרבאָרגן.
קיינער זעט ניט וואו דער גיין פאַרגייט זיך,
קיינער ווייסט פון וואו דער קומען קומט.

עס ווערט פאַרטיילט די הויך, די ברייט, די ווייטן,
און גאָט אַליין פאַרבייט זיך זיין געשטאַלט,
און טוט זיך איין אין אַלין וואָס איז געשאַפן,
און ליכטיקט אויף מיט אַלין, וואָס איז אין וועלט.

איך פיל זיך פריי, עס ליכטיקט זיך אַ ווערן,
ווי קלאָרער טאָג, גייט אויף איצט אַ געשטאַלט.
איך הער אַ ווינט, וואָס נעענטערט מיר אַרום
און זינגט מיר אויס די ליבע פון יערום.

ער קומט! ער קומט! מיט נייעם טאָג,
מיט נייעם פאָלק,
מיט נייער פרייד, פון וועלט צו וועלט!
מיט אַ געזאַנג, מיט אַזאַ קלאַנג,
וואָס אייביק לעבט, וואָס אייביק בלייבט!

ה ע ר ש ע ר :
עס זינגט אַ פינסטערניש אין מיר —
וואו זעסטו ליכט?

דער וואָס האָט געשאַפן מיינע גלידער,
דער וואָס האָט די וועגן מיר געוויזן,
האָט געגעבן מיר אַ שווערד צו שטרייטן,
האָט געהייסן מיר פאַרניכטן וועלטן.
ווער איז דאָס, וואָס נעמט אַוועק פון מיר?

י ע ר מ י נ ע :
די וואָס האָבן פון דיין כוח געלאַכט.

ה ע ר ש ע ר :
זאָל אונטערגיין מיט מיר
אויך וועלט און לעבן!

י ע ר מ י נ ע :
דיין וועלט איז שוין פאַרגאַנגען —
דיין לעבן האַלט באַם גיין.

ה ע ר ש ע ר :
ווער ביסטו, וואָס חושכט מיר אין פינסטער
און רעדט פון טויט, ווי מעסער־שטעך אין לייב?
אַנטפּלעק זיך מיר!

י ע ר מ י נ ע :
איך בין דער גייסט פון יענעם פאָלק,
וואָס האָט דעם טויער פון גן־עדן
צו דער וועלט געעפנט —
און אויסגעוואַנדערט איבער ניט־באַרירטער ערד,
כדי צו קענען אירע וואונדערלעכע ווייטקייטן אוןברייטן.

איך בין דער גייסט פון יענעם פאָלק,
וואָס דורך אים זיינען פעלקער אויפגעגאַנגען,
און אומגעוואַנדערט איבער וויסטענישן דורות־לאַנג,
כדי געפינען יענע צוגעזאָגטע ערד
פון אונזערע הייליקסטע פאַרלאַנגען.

און אויפגעגאַנגען איז פון איר אַ לאַנד,
וואָס האָט איבער דער וועלט מיט הייליקייט געלויכטן.
נאָר וואו אַ רשע און וואו נאָר אַ טיראַן —
האָט ער פאַרמאָסטן זיך אין בלוט אים אָפּצואווישן.

איך בין דער גייסט פון אָט דעם פאָלק,
וואָס קיינער קען פון אים זיך ניט באַהאַלטן.
וואו דו ביסט און וואו דו זאָלסט ניט זיין —
עס קוקט אויף דיר אַ ריכטערס אויג אַ שאַרפע.

און ניט אַלס שקלאַף האָט ווער אים ווען באַזיגט,
און ניט דורך בלוט און גרויזאַמע מלחמות.
ער איז די פאָן, וואָס פלאַטערט איבער דיר —
כאָטש דו ווילסט אים קיינמאָל ניט באַמערקן.

אין אַלע שטעט, און אומעטום אין לענדער,
דורך אַלע צייטן, פון אַמאָל ביז היינט,
פאַרמעסטו זיך אויף אים, פאַרמעסטו זיך אויף זיך,
און שרייבסט מיט אונזער בלוט דיין אייגן משפט אונטער.

הערשער (שלעפּט זיך צו יערמינען):
שטאַרב, דו...

יערמינע (שטיל):
ניין, דו שטאַרבסט.

זיינע הענט לאָזן זיך אַראָפּ צוזאַמען מיט אים.
פון דרויסן אַ געזאַנג קומט נענטער און נענטער.
אין פּאַלאַץ שטראָמט אַריין דאָס פאָלק.

פאָלק:
ניטאָ קיין נאַכט
און ניט קיין שווערע צייטן.
די פרייד פון פעלקער
ציטערט ווייט און ברייט.

יערום:
פריי און גרויס איז איצט די גאַנצע וועלט —
פון אומעטום דער זעלביקער געדום!

יערמינע, קינד,
מיט דיר האָט זיך די פינסטערניש געפינסטערט
אום צו זען דיין גרויסע ליכט פון קומען.
דורך דיר ליגט איצט די פינסטערניש פאַרניכטעט
און קיינמאָל, קיינמאָל וועט זי צו אונז קומען.

פאָלק:
אייביק בלייבן זאָל איר ליכט אין לעבן,
וואָס האָט דעם גרויסן וואונדער אונז געגעבן.
זיי געבענטשט, דו נייע וועלט!

מלחמה

פאַנטאַסטישע פּאָעמע

(אויסצוגן פון „מענטש און צייט")

ערשטער טייל

דיפּא און האַגע

ש ט י מ ע:
עס ליגט די וועלט אין אונזער צייט
אין ליכט און פינסטערניש,
אין יעדן שרעקט זיך אַ געדאַנק —
פון זיין, אָדער ניט-זיין.
דאָס זיין איז — האַס, ווילדקייט, פּיין און לייד.
דער מענטש אַליין דערקענט זיך ניט פאַר ווערט.
וויל ער פאַרגיין אין בלוט פון פינסטער וועלט?

ד י פּ א:
ווי פיינט איך האָב דיך, פאַרבלאַסטער הונגער,
וואָס קריכט דאָרט אַרום
פון פוס-פינגער ביז אין מיין מאַרך,
און פרעסט, און זויגט מיר דאָס בלוט פון מיין לייב,
און לאָזט מיר אַ שאָטן נאָר איבער,
אַ שאָטן פון דיר —
דו ניט-פאַרשטענדיקע בלוטיקע צייט.
אַ גייערקע בין איך אויף וועלט-וועגן דיינע,

אין אַ יאָגעריי פון טויזנטער, טויזנטער,
לאַכנדיקע, וויינענדיקע,
זאַטע און הונגעריקע,

אין זונען און שאָטנס, וואָס זיינען צוזאַמענגעמישט.
דו ביסט אַ שוואַרץ-ווייסע לופט,
און איך איינדערמיט פון דיין האַרץ
ליג, ווי אַ פליג אין די פיסלעך פון שפין,
וואָס שפינט איר דעם גיפט אַרום האַלז
און קושט די נשמה איר אויס.

צעטייל זיך, דו פינסטערניש!
באַווייז זיך פאַר מיר אין דיין גאַנצקייט,
דו צייט!
איך וויל דיך אין עפּעס דערקענען:
צי ביסטו דער מענטש אַליין?
צי ביסטו די ערד?
צי ביסטו דער ווינט?
צי ביסטו די וואָלקנס, צי ביסטו די זון?
צי ביסטו מיין אייגענער אומרו?
אָ, ווי עס ברענט שוין דער הונגער אין מיר!

אָבער איינס, וואָס קניפּט זיך ניט מיט צייט —
דאָס איז די ליבע, וואָס לעבט איר אייגן וועלט,
איר אייביק יונגע וועלט,
איר אייביק פרילינג-וועלט.

האַנע:

וואָס איז עס פאַר אַ לעבן?
וואָס איז עס פאַר אַ צייט?

דיפּא:

דער ווילן פון מענטשן
מוז זיין שטאַרקער ווי זיין צייט.

האַנע:

וואָס פאַר אַ ווילן?
דער ווילן ליגט איצט אין דעם נישטיקן קיי.
גיי נאָר אַריין אויף אַ ווילע צו אונז
און גיב נאָר אַ קוק, ווי מען ליגט דאָרט צעלייגט.
קיין פּיצעלע ברויט איז ניטאָ.

פון ווענט גיסט אַ נעץ.
די פענסטער — אויף דר׳ערד.
אַ קינד אַהין, אַ קינד אַהער,
און אַלע — מען הוסט.

און ווי פיינט איך האָב אַליין מיין היים!
ווי איך וואָלט אַנטלאָפן איצט פון איר!
נאָר ווען איך קום אַריין
און זע מיין מאַמען, ווי זי גייט אַרום
הוסטנדיק, און שפּייט דערצו מיט בלוט —
אַ, מאַמינקע, ווי איך קריג זי ליב!
איך וואָלט זי, ווי אַ קינד, געטראָגן אויף די הענט!
נאָר ווען זי קוקט מיך אָן
מיט אויגן גרויס און מיד, און אַזוי גוט,
און פרעגט מיך שטיל:
— ווילסטו עסן וואָס?
דערלאַנגט אַ שטיקל ברויט, דער טאַטע זאָל ניט זען.
און אַלע קינדערלעך קוקן צו,
ווי אָפּגעצערטע קעצלעך,
קוים וואָס קריכן נאָך אַרום.
איך קריג זיי פיינט, פיינט, פיינט!

ד י פ אַ:
פון טויזנטער, ווי דו,
האָב איך געהערט אַזאַ מין ריידן.
דערינען ליגט די צייט.
און מיר אַליין —
זיינען צו קליין, אָדער צו שוואַך,
צו פילן אָט דעם וואָרים, וואָס פרעסט
אין אונזער האַרץ?
אָבער ניין, ווי שלעכט דו זאָלסט ניט זיין,
איז דאָ אַ גוטער פונק אין מענטש.
מען מוז פאַרשטיין עס אויפצובלאָזן נאָר.
דער מענטש — ער איז פון גוטס און שלעכטס,
פון שוואַכקייט און פון כוח,
ווי מיט פונקען אָנגעפילט.
וואו וואָלט געבליבן דען דער נאָמען מענטש?

ה אַ נ ע:
איך בין אַ פּראָסטע מויד.
עס האָט געצויגן מיך דאָס גאַסן־לעבן אַלץ.
נאַרן, ווי טאָן יענעם איז מיין פריידנ געווען.
דער טאַטע פלעגט מיך טרייבן פון זיין הויז.
אַרבעט — איז געווען בא מיר פאַרהאַסט.
און אין דער היים איז קיין זאַך ניט געקאָכט,
און איך וויל עסן — צו משוגע זיין!

ד י פ א (שטיל):
זונען־גלוט, וואָס היצט דורך וועלט די ערד,
וואָס וואַרעמט דורך די וועלן פון דעם ים —
איך פיל, דו ליכטיקסט אויף אין מיר.

ה אַ נ ע:
ווי קענסטו אַזוי ריידן
אין צייט, ווען עס פּלאַצן פון הונגער געדערים?
וואָס איז מיט דיר?
זעסט ניט די צייט?

ד י פ א:
אָ, אַלצדינג זע איך, אַלץ,
און וואָס איך זע ניט, פיל איך אין מיין האַרץ.
נאָר ווי אַ פרעמדע גיי איך דורך די צייטן אום.
אומפאַרשטענדלעך איז פאַר מיר מיין וועלט,
אומפאַרשטענדלעך בין איך זיך אַליין.
נאָר וואָס איך וויים, איז איינס —
לעבן! לעבן ווילט זיך מיר!
איך וואָלט די צייט אַריבערשפּרייזן, ווי אַ טיפן טייך,
זיך טרינקענדיק אין איר —
נאָר קומען איינמאָל צו אַ ברעג.
איך בין דאָך נאָר אַ קליינער מענטש,
אַן איינפאַך מיידל פון אַן אָרעם היים —
וואָס קען איך פון אַ גרויסער צייט פאַרשטיין?

ד י פ אַ (גייט פאַרקויפן ביכער):
דער לעצטער חלום פון מיין קינדער־וועלט,

דער לעצטער אָנדענק פון מיין קליינער היים.
מיט קלאַפּנדיקער האַרץ פון יוגנט־פרייד
פלעג איך אָפּט פאַר די פאַרדינטע געלט
זיך מיטברענגען אַ בוך פאַר ווינטער־נעכט —

ווען שטילקייט האָט געזשומט אין גאַנצער שטוב
און טיק־טאַק פלעגט דער זייגער גיין,
און אָפּט זיך דורכרייסן דעם טאַטנס הוסט,
און אָפּט זיך דורכרייסן דער מאַמעס קרעכץ,
צי גאָר אַ וויינען פון אַ שכנס קינד.

אויף וויפיל וויטע וועגן האָט איר מיך באַגלייט?!
און איצט — איך מוז פאַרקויפן אייך פאַר אַ שטיקל ברויט.
ליכט! ליכט האָב איך האָלט!
איך קען אייך ניט אויסשטיין, איר טונקעלע שאָטנס
פון נאַכטיקן רוים.

דיפּאַ (ניט פאַרקויפט):
קיינער האָט געוואָלט די ביכער קויפן.
און איך שלעפּ זיך דורך די רייכע גאַסן
מיט אַ שוואַכקייט אין די גלידער.
פּלוצלינג — קלעפּ! עס הויבט זיך אויף אַ טומל,
פייער, געשרייען, הענט מיט קעפּ אין לופטן,
גרינע פאַרבן פאַר די אויגן —
און מען שיט מיר ווייסע בלומען.

דיפּאַ:
זינג, האַנע, זינג!
איך האָב האָלט דעם געזאַנג צווישן טאָג און פאַרנאַכט.
עס איז ווי אַ שטראַל,
וואָס ציט זיך אין קעלער־שטוב
און ווייזט אָן די שאָטנס אַרום
פון די קריכנדיקע הונגעריקע מייז,
וואָס שאַרן זיך אַרום אַ שטול,
וואו עס שלומערט אַ מוטער, געדריקט מיט אַ קינד
צו איר ברוסט —
און אַלע צוזאַמען נאָר טרוימען פון שטיקעלע ברויט,
וואָס ליגט אויפן טיש.

זינג, עס איז ווי אַ שטילינקער דאָרף,
וואו עס שלומערן הייזער, ווי ווייסינקע שאָף,
און רונד אַרום הינדעלעך, ענטעלעך, גענז,
און קוים וואָס עס רודערט אַ וועגל,
וואָס ס'שלעפּט אים אַ פערד —
דערין זיצט אַ קינד,
וואָס מאַכט זיין גאַנג דעם ערשטן דורך אין וועלט.
ווייט שטייט די מוטער, פאַרלייגט מיט אַ האַנט
אויפן האַרץ,
די צווייטע ווינקט זי אין דער לופט —
און אַלע צוזאַמען נאָר טרוימען פון קומענדיקן טאָג.

זינג, עס איז ווי אַ בלאָנדזשענדיק, זוכנדיק
קינד אין דער פרעמד,
וואָס דריקט זיך צו פרעמדע צו זוכן אַ טרייסט
פון אַ מוטערלעך וואָרט,
און ווערט אומגעשטויסן, אַזוי ווי אַ בלאַט אינעם ווינט,
וואָס פלאַטערט און ציטערט פון בענקשאַפט
בא טאָגיקער ליכט —
ניטאָ קיין צוריק!

ד י פּ אַ (בא ברענענדיקע ליכט):
דו קראַפט, וואָס העלפסט דעם טאָג
און בלייכסט די נאַכט,
דו, וואָס גיסט דעם ים די רוישנדיקע מאַכט
אָנצוטומלען פול די ווייט און ברייט
און האַלטסט די וועלן אָפּ באַם ברעג פון ערד —
ווייז מיר אָן דעם וועג פון ליכט
צו זיין אַ גרויסער מענטש.
איך בין דאָך נאָר אַ וואַנדער־קינד,
פאַרלאָרן אין אַ טיפן וואַלד אין נאַכט,
און שטיי פאַרקלעמט, און בעט אַ נס —
אַ בליץ־שטראַל ברענגען נאָר דער וועלט
צו זען מיין וועג.

איך ווייס ניט וואָס מיין לייב צערט אָפּ
פון אָפּהונגערן טעג.

איך ווייס ניט וואָס מען נוצט מיין ליבע אויס
צו שלעכטס,
און ניט דערפאַר וואָס איך בלאָנדזשע אין דער גרויסער וועלט
אַליין.
גרויס, גרויס נאַר וויל איך זיין!
זאָלן טיילן מיין נשמה זיך די וועלטן אַלע —
איך בין אַ וועלט אַליין!

דיפא (בלייבט אַליין):
קיינער מער ניטאָ —
און אויף דער רואינירטער וועלט איך שטיי און קוק.
זויגט זיך נאָך די וועלט מיט זונען אָן?
און ערדן אָנגעבלומט
קוקן פרעגנדיק צו זון אַרויף —
צי בלייבט זי לענגער נאָך אַזוי?
קען די זון ניט פון איר אָרט אַוועק
און אַלץ פאַרברענען וואָס אויף ערד איז דאָ?

ניין, נאַכט שפּרייט לאַנגזאַם זיך
אין וועלטן אויס
און מיט איר טונקל-בלויער הויך —
הויך, און הויך — פאַרנעמט זי וועלט
און זעצט אַ זילבער קרוין איר אויפן קאָפּ.
און — אפשר די לבנה רייסט זיך אָפּ
און לאָזט זיך, ווי אַ ליכט-ראָד, אויף דער ערד אַראָפּ!
ווערט דעמאָלט דאָן ניט אַלץ פאַרווישט?

נאַכט אויף אַ פעלד

צווייטער טייל

נאַכט

דיפּאַ:

דו, ניט־דערענדיקטע וועלט!
דו, ניט־דערבענטשטע ערד!
בלאָס איז דיין לייכטן, ווי זילבערנע שפּינוועבס
אויף ערדישער גרין,
ווי אַ גרינינקע טויב אין אַ זילבער־געפלאָכטענעם נעסט.
ווי שיין ביסטו, ערד,
ווי שיין איז דיין שווייגן, פאַרסודעט אין נאַכטיקן זיין —
אַ דימענט, וואָס האָט נאָך אין זיך ניט
די קלאָרקייט פון שיין,
און פול מיט די שאָטנס, וואָס טונקלען מיט עפּעס,
וואָס קיינער פאַרשטייט.
עפן! צעעפן דיין האַרץ, נאַכט,
און לאָז מיך אַריין!
אומעטיק־גוט איז צו זוכן אַ וועג,
אַז מען ווייסט ניט וואוהין.

שטיל... שטילקייט... שטיל —
איך קען איצט ניט הערן די זיפצן
פון שטייניקער שטאָט,
וואו ס׳ליגט דאָרט די צייט מיט איר פלאַמיקן קאָפּ
און גייט דורך מיט קייטן
פון הונגער און טויט

עפּעס טומלדיקעס פיל איך טיף אין זיך,
שטימען טויזנטער דערהער איך איצט אין מיר.
איך בין אַ טייך, וואָס טרינקט זיך אָן מיט רעגן
און שטראָם פאַנאַנדער ווייט איבער די ברעגן.

ליכט און שאָטנס קנוילן זיך פאַר מיר —
מיט רויך און פלאַמען טוט זיך אָן אַ וועלט.
און יאָרן... יאָרן אָן אַ שיר און ברעג
שטויסן אַלע זיך פאַר מיר צוזאַמען.

און שוואַך בין איך אַקעגן דיר,
און שטאַרק בין איך אַקעגן זיך אַליין.
און ווער בין איך, וואָס איר רופט אָן מיך קליין?
און ווער זיינט איר, וואָס קענט ניט זיך אַליין?

אומעטיק־גוט איז צו זוכן אַ וועג,
אַז מען ווייסט ניט וואוהין...

אונטערוועלט —באַ די שדים

לילית (באַ די טויטע קינדער):

דעם אָטעם האָט עס אויסגעהויכט אַצינד —
כאַ - כאַ - כאַ!
זאַמלט אַלע מיינע פירשטן זיך אַרום —
אין פייער-פלאַם זאָל עס אַריין
און וויינענדיק זאָל עס צו גאָט אַרויף.
אַ נשמה, ווי אַ מילב די גרויס —
האָט אַ מאַמע אויך אויף דעם געוויינט,
מיט ווייען אויף דער וועלט געבראַכט?
אַ גרויסער מענטש האָט עס געדאַרפט צו זיין,
אַ וועלטן-קאָפּ —
צו שאַפן נייע ליכטער אין דער וועלט,
צו פלאַנצן אַ נייע מענטשהייט אויף דער ערד.

אין שטילער נאַכט בין איך אַריין צו איר
און האָב דערזען
אַ בלאַסע דרעמלענדיקע פרוים געזיכט,
וואָס האָט געחלומט פון אַ מוטער-גליק.
אין קאַמער האָט געברענט אַ שוואַכע ליכט.
אַן אַלטע איז געווען די שוועל אַריבער.
איך האָב מיין פליגל אַרום ליכט געפאָכט.
דאָס ליכט געשפּרונגען האָט אַהין, אַהער,
און האָט פאַרלאָשן זיך.
כ'האָב גיך, מיט שטילע הינער-טריט,
די מוטער אין איר בעט פאַרדרייט
און האָב צעריסן איר דעם מוטער-טרוים.
זי האָט געשריען און געוויינט.
דאָס קינד האָב איך אין טונקלקייט פאַרהילט
און בין אַנטלאָפן מיטן קינד,
ווי דער ווייענדיקער ווינט.

איך בין געשאַפן פאַר אַ וועלטן-שפּיל —
אַ גרויסער מענטש ווערט שוין אַלס קינד
געטויט פון מיר.
מיר איז די מענטשן-וועלט פאַרהאַסט!

און קיינמאָל האָט זיך עס מיר צוגעפּאַסט,
ווי איצטער, בא אָט־דעם וועלטן־גאַנג.
איך כאַפּ אַ פאַנג נאָך אַ פאַנג —
פאַרטריקנט־אויסגעדאַרטע קינדער פון אַ מוטער־האַנט,
סקעלעטן־קעפּ, מיט ביינערדיקן לייב...
כאַ - כאַ - כאַ!
גיי אונטער, וועלט! —
ליגסט אין אונזערע הענט!

ס מ א ל (דער שלאַנג):

עס האָט געשאַפן גאָט אַ מענטשן־וועלט.
קלוגע טראַכטערס צווישן הימל־ערד —
שאַפן וועלטן, לענדער, שטעט,
פאַרשער, זוכער דורך דער ווייט און ברייט...
האַ - האַ - האַ — אַ מענטש!
מענטשן־כוח?
אַ הויפן ערדן־זאַמד,
אַ טראָפּן ליכט־פאַרשטאַנד.

און שוין דעם ערשטן מענטש,
וואָס האָט געזען די קומענדיקע וועלט,
געוואוסט די מענטשהייט, וואָס לעבן וועט אויף ערד,
האָב איך געפאַנגען דורך דעם עפּל־פרוכט,
וואָס איז פאַרבאָטן דורכן טויט געווען.
אָ, ווי לייכט איך האָב אים איינגערעדט!

איך בין דער שלאַנג, וואָס טיילט דעם זיסן גיפט.
ס'איז ניטאָ קיין אויסנאַם מער אין וועלט —
צי יונג, צי אַלט,
צי מיאוס, אָדער שיין —
אין דרייעניש פון האַלב־צעמישטער וועלט.

אַ ש ד כ ע (צו סמאל):

גרויסער פירשט פון אונטערוועלט!
עס זאָגט דיר אָן דיין שוואַרצער

שדים-קנעכט —
עס קומט, באַרינגלט מיט איר גאַנצער מאַכט,
די שיינע מחלת פאַר דיר טאַנצן היינט.

(ווייטע וואונדערלעכע טענער,
וואָס קומען נעענטער און נעענטער)

מחלת:
פריי ווי דער שטורעם,
ווילד ווי די ימען
מיט מיין פרעכקייט איז פול איצט די וועלט.
איך היץ, ווי די שטראַלן
און דופט, ווי דער פרילינג,
און רייץ, ווי אַ ווינטל אין זומער באַנאַכט.
כאַ-כאַ-כאַ!
באַוועלטיקט איז יעדער פון מיר אויף דער וועלט.
וואָס מערער צייטן,
אַלץ מער ווער איך גרעסער —
קיין חיה ניטאָ, וואָס זאָל לעבן אָן מיר.
קלוגקייט פון שלאַנגען,
שוואַרצקייט פון שטאָק-נאַכט...
דריק זשע מיך צו צו דיין גיפטיקער האַרץ!
אייביק זאָל פלאַמען,
אייביק פאַרסמט זיין זאָל יעדער באַשאַף,
וואו איך וועל נאָר אַריין.

לילית (איפערזוכט):
רייסט פאַנאַנדער אַלע צאַמען פון דער וועלט –
אַלע צאַמען פון דער ווייט און ברייט!
פייער! פלאַמען! טרייסלט אויף די ערדן!
ברעכן, טומלען זאָל! אַ קריג זאָל ווערן!
עס זאָל קיין גרעסערע ניט זיין פון מיר!
עס זאָל קיין אַנדערע ניט זיין מיט אים!
איך בין צוערשט געשאַפן פון די פרויען-גייסטער
און האָב אַ מאַכט אויף אַלע אונטערוועלטן,
אויף אַלע איבערוועלטן,

אויף קליינע מענטשן־קינדער,
אויף אַלע ערדן־טיילן!

ניטאָ קיין הייליקייט, וואו איך דרינג ניט אַריין,
ניטאָ קיין געטלעכקייט, וואו איך זאָל ניט זיין!
ווער עס ווערט מיין מאַכט נאָר ווען שוועכן —
קריכן זאָל ער, ווי אַ שפין, אויף ערדן
אַ תל פון אים זאָל ווערן!
פאַרזאַמלט אַלע זיך דעם פינסטערן באַרג אַרום
און ברומט —
עס זאָל צעציטערן דעם כוח פון הימל — ערד!
עס זאָל אַ שרעק באַפאַלן אַלץ, וואָס לעבט אין וועלט!
צערייסט די צאַמען פון דער אונטערוועלט!
אַ קריג זאָל זיין!

אשמדאי:
אי, פינסטערער באַשאַף פון שוואַרץ און שוואַרץ,
פון ווילדקייט, האַס,
פון קריג און בראַנד,
פון חרפּה, שאַנד,
פון גאָר דער שלעכטסקייט אויף דער ערד —
וואָס האָט צום שרייען דאָ אַרויסגעפירט
די גייסטער־פרוי לילית!
איר מאַכט פון קרענקונג, גיפט —
האַ־האַ־האַ!
איך וואָלט דאָס לעצטע באַלד דערגרייכט
באַם קריג פון פייער, שפּיז, שווערד,
באַ ווילדער שלאַגעריי פון מענטש און מענטש,
וואו מענטשן — ווי די ווילדע הינט:
אַ פאָטער רויבט און מאָרדט זיין זון,
אַ מוטער טראָגט איר טויטעס קינד...
און בלינד, מיט לייבן־כוח,
וואַרפט מען זיך אויף שטעט אַרויף,
מען ברעכט, צערייסט די שאַפונג אייגענע,
מען גרילצט, פאַרניכטנדיק דאָס גאַנצע הייליקייט.

אין גאָסן-שלאַכט —
איך בין געשטאַנען אין דער רעכטער מיט
און האָב מיט ווילדקייט קאָמאַנדירט:
אַי, ניט רוט! דער פיינט איז ווילד!
ער קומט, ער קומט! פייער גיט!
ניט לאָזט די שטעט זיין גאַנץ!
און קראַך, און בראַנד —
און ס'קייקלען זיך אויף ערד
אַ מאַן, אַ ווייב, אַ פאָטער, זון,
אַ פרוי און קינד, אַ שוועסטער, ברודער —
אַ פייער-ראָד!
באַם פיינט — דאָס זעלביקע געטאָן!

אַ, מענטשן-וועלט!
אַ, וועלטן-קעפּ!
עס זאָל אַ פרייד אונז זיין —
עס ליגט די אויבערוועלט אין אונזערע הענט!
פריילעך זאָל איצט זיין!

אַלע:
אַ מענטש! אַ מענטש!

אשמדאי:
פאַרשטיינערט ליגט דער מענטש
אויף אונזער ערד,
מיט אויגן אייגעפראָרן, ווי אַ וואַסער-הויט,
פאַרהונגערט ליגט צום גומען צוגעקלעפּט די צונג —
און עפּעס חלומט זי
און טרוימט געווים פון אַ בעסערער צייט.

זאמנדאנס:
אין פּעכיק פלאַם
זאָל אויסגיין די נשמה
פון דעם קליידער-העלד!

אשמדאי:
טרעט אָפּ צוריק —
צו גיך דער טויט!
מוזיק זאָל זיין!

ד י פּ א (דערוואַכט):
שפּיל, נאָר שפּיל —
דו איינציקע פרייד
אין צייט פון טרויער, ווײ און לייד,
ווען שווערדן קלינגען איבער קעפּ,
ווען באָמבעס רייסן אויף די ערד,
ווען הונגער ווערגט אַזוי, און ווערגט,
און מען גייט אַרום,
ווי פליגעלעך, פאַרסמטע פון אַ גיפטיקן פּאַפּיר...
וואָס ביסטו, מענטש?
וואָס וואַנדלט דיך אין אוממענטש אום?
שפּיל, נאָר שפּיל,
דאָס שפּילן גיט די ליבע מיר —
וואָס איך פאַרלאַנג, אַ וועלט, פון דיר!

א ש מ ד א י (געשריי, געלעכטער):
אַ מענטש — פון מענטשן־וועלט!
אַ גאָטס באַשאַף!
אַ טרוימערקע פון בעסערע צייטן!
טונקט זי גלידערווייז אין קאָכעדיקן בלוטיקן טייך!
רייסט איר די נשמה גלייך אַרויס
און וואַרפט עס אויף די שפּיזן ווייט און ברייט...
אַן ערדן־מאַכט! אַ גאָטס באַשאַף!..

ד י פּ א:
וואו בין איך?

ל י ל י ת:
וואו דו ביסט? דערקען זיך נאָר:
דו ביסט בא זיך אַליין,
און מיר דאָ אַלע זיינען דו.
נו, וואָס זאָגסטו נאָר דערצו?

ד י פּ א:
אייער שרעקלעכקייט דערשרעקט מיך ניט.
נאָר זאָגט מיר, וואו געפין איך זיך?

אשמדאי:
דאָס זיינען מיר, ווי דו זעסט אונז אַלע דאָ.
איך בין דיין פריינט סימאָן,
און דיינע פריינטנס
שטייען אַלע דיר אַרום.

לילית:
איך בין האַנע.

מחלת:
איך בין זשעני.

סמאל:
און איך? פֿאַרזוך דעם עפּל נאַר,
דערקענסטו גלייך מיין ווערט,
און קענסטו מיין ווערט,
דאַן קענסטו זיך אַליין,
דאַן ווייסטו קלאָר דיין וועלט,
דו ווייסט דיין וועג און שטעג
און ווייסט צו וואָס דו לעבסט,
און ווייסט נאָך וואָס דו שטרעבסט,
און ווייסט וואוהין דו קומסט.

לילית:
צום שוואַרצן גרוב:

מחלת:
אַלס אַ שטיק פֿאַרגעלטע פלייש.

סמאל:
אַ קליגערער פֿאַר דיר האָט דאָס פאַרזוכט —
אַ הייליקער באַשאַף פון געטלעך האַנט,
וואָס האָט גן־עדן־וועלט געהאַט.

אשמדאי:
ביסט דאָך עפּעס מענטש!
ביסט דאָך העלד פון וועלט,

ביסט דאָך געטער־מאַכט —
פאַרשטסט דאָך, זוכסט און שאַפסט,
בויסט די שיינקייט אויף פון וועלט,
לייגסט אויף אַלץ אַ ווערט,
גיסט דאָך אַלץ אַ נאָמען!
וואָס איז אַ מענטש, ער זאָל ניט זיין מיט אונז !
ווער שאַפט אַ קריג? ווער ברענט די שטעט?
ווער הרגעט, שלאָגט זיך?
ברידער — מענטש און מענטש!
ווער איז דיין קראַפט אין צייט פון קריג?
ווער רייצט אייך אָן? און ווער רעגירט?
וואָס ביסטו אַליין?!

דיפא:
איך בין אַ מענטש, וואָס גייט פון צייט אין צייט.

מהלת:
אָ, דו שטאַרבנדיקע פליש,
וואָס האַלט זיך פאַר איינגעקנאָטענע
מענטשן־טייג!

לילית:
אין סמאָלע־פייער וואַרפט זי דאָרט אריין!
דו ביסט אַ שפיי ניט ווערט!

דיפא:
דעם טייוול מאָל איך אַלעמאָל מיט שוואַרץ —
נאָר כ׳שרעק זיך קיינמאָל ניט
פאַר לעבנס שווערסטע פיין.
איין טאָג געלעבט,
און דאָך הייסט עס — אַ מענטש געווען.

אשמדאי:
פון וואָס באַשטייט דיין מענטש?

דיפא:
פון כוחות, וואָס זיי לייכטן, ווי קלאָרע זומער־טעג,

פון כוחות, וואָס זיי טרוימען אין מענטשנס
שטאַרקסטן שלאָף,
פון כוחות, וואָס זיי טרינקען מיט טרויער אָן
דאָס האַרץ,
פון כוחות, וואָס זיי ציִען ניט ווייסנדיק וואוהין.
איך בין אַ מענטש! אַ מענטש בין איך!
וואָס ווילט איר דען פון מיר?

אשמדאי:
וואָס ביסטו?

דיפא (פאַרטראַכט):
איך בין אַ מענטש, און שפּרייז יאָרטויזנטער אַרום
אין וועלטן.
זעלטן האָט אַן אָרט מיך אָפּגעגליקט.
אייך? — אייך דערקען איך איצט.
איר זיינט געווען אין יענע מענטשן,
וואָס האָבן געפּלאָגט מיין לייב מיט הונגער־ווייטיק.
איר האָט געלאָזט מיך לויפן נאַקעט, באָרוועס.
איר האָט געטריבן מיך דורך שטעט און שטעטלעך.

אייך? — אייך דערקען איך איצט.
איר האָט געדרייט זיך אין די גאַסן
מיט בלויזע שווערדן —
געקוילעט אַלטע לייט,
צעשניטן קליינע קינדער,
געשענדעט פרויען.

וואו האָב איך אייך דען ניט געטראָפן?
וואו האָב איך ניט געוואָלט פון אייך אַנטלויפן?
איר שרעקט מיך ניט אַצינד.
גיפט אַקעגן גיפט
און שווערד אַקעגן שווערד!

אשמדאי:
ווער זיינט איר?

דיפא:
מענטשן!

אשמדאי:
ווער זיינען מיר?

דיפא (מיט פאַראַכטונג):
מענטשן, מענטשן...

א שדים־טאַנץ:
כוחות זיינען מיר די שטאַרקסטע פון דעם מענטש.
מענטשן זיינען מיר — פאַר אייביקייטן שלעכטס.
יאָרטויזנטער צענעמען מיר, ווי שטרוי,
און צינדן עס ווי פויל־האָלץ אָן
אין וועלט פון שוואַכן מענטש.
הי הי הי!
אַ מענטשעלע, אַ וועלטעלע —
פאַר אונז אַ שפּיי, אַ שפּיל!

צווישן נאַכט און טאָג

דריטער טייל

ע ר ד :
איין אייביקער ווערן פון גאַרניט,
אין אייטער פון אומענדלעכקייט —
מיליאָנען, מיליאַרדן שטויבן,
מיט קופּער, מיט אייזן,
מיט קוילן, מיט שטיינער,
מיט פלאַם און מיט פייער צוזאַמענגעפּרעסט —
איז מיין זיין.
מיט לעבן אויף זיך,
מיט טויט איך מיין אייך.
מיט אייביקן ליכט אַרום מיר.
אַ טרייסל, אַ ריס — איז גענוג
אויף צו שאַפן אַן אָנהויב פון זיין.

כ ו ח :
די ווייטקייט פון הימל און ערד טייל איך אָפּ
אין פעסטקייט, וואָס האַלט אויף די ערד.
דער כוח, וואָס פעסטיקט די פלאַמען פון זון
און לאָזט זיי ניט פאַלן אַוואַו,
דער פייער פון בליץ,
פון דונער דער ברום,
אין לעבן וואָס לעבט, פון שטאַרבן דער טויט —
אַ זיין אין אַ זיין איז מיין זיין.

א י י ב י ק י י ט :
איך דריי אַזוי זיך מיט אין טיפעניש פון וועלט.
יעדער הימל-שטערן ווערט דורך מיר געציילט
און דורכגעמאָסטן יעדנס טיף און גרויס.
די זון — מיט וואָס איר פלאַם איז אָנגעפילט

און וויפיל גרעסער איז זי פון דער ערד...
יעדע גרענעץ שטעלט דורך מיר זיך איין,
גיין און קומען איז דער אָטעם מיין.
און די חדשים, יאָרן, טעג
וואָלטן דען געווען איך זאָל ניט זיין
און זאָל דעם וועלטן־ראָד ניט אומדרייען ?!

דאָס נייע יאָר:
פריש און יונג און שיין בין איך,
מיט ליכט און דופטן בין איך פול.
מיין פנים איז דעם הימלס ליכט
און מיינע פיס פון ערד די קרוין.
און קוש איך בלומענס ליפּן אָן —
וועבט די וועלט חלומות איין
פון שטערבלעכע, אומשטערבלעכקייט,
פון קורצינקע, אומענדלעכקייט.
דורך די היצן פון מיין לייב
זאַפטיקט זיך דאָס אויבסטן־פלייש,
פרוכטיקט זיך דאָס בליטן־פרוכט.
איך טייל די וועלט מיט שטאַרקייט אָן.
בלאָט און גרעזל וועדג איך אָפּ
און שיט אויף זיי אַ דעק פון קעלט.
איך בין דער שליסל פאַרן גאַנג פון וועלט.

האָפענונג:
אַ פונק בין איך אין יעדנס אויג,
אַ פלאַם בין איך אין יעדנס קאָפּ,
אַ טרייסט בין איך פאַר יעדער האַרץ,
אַ וועלט בין איך פאַר יעדנס טראָט —
כ׳בין אייביקער טאָג, כ׳בין אייביקע שיין.

אומזעבאַרע מיידלעך:
ווען אַ בלויע נאַכט האָט זיך פאַרטראַכט
און צעצויגן איבער וואַלד און פעלד,
און קוים וואָס ס׳האָט אַ ווינטל זיך באַוועגט,
און אַ פּערלמוטערנע לבנה
האָט זיך אין דער הויך באַזעצט —

האָט זיך אונז אַ טאַנץ פאַרוואָלט,
צו הערן וואָס די בוימער זשומען שטיל
און באַ אַ בלימל אויספרעגן איר טרוים.

עס האָט אַ פליערל פון בוים אונז קומענדיק געהערט
און האָט צעזונגען זיך אין לופטן.
אַ צווייטע — אויפגעוועקט
דעם גאַנצן וואַלד.
מיר האָבן האַלטנדיק פאַר הענט געטאַנצט
און האָבן האַר פאַרטשעפּעט אָפט אָן צווייגן,
די פיס די באָרוועסע האָט נאָס געמאַכט דער טוי.
און פלוצלינג זעען מיר אַ הויכן באַרג.
מיר שפּרייטן אויס די הענט און שוועבן אין דער הויך.
און דאָ —
אַ שלאָפנדיקער מענטש, מיד און בלייך.

א י ב י ק י י ט:
וועקט עס אויף. עס איז אַ מענטשן־קינד.

ג ל ו י ב ן:
זאָל זי ריידן —
ווער און וואָס זי איז.

ע ר ד:
אין אַ בלייענעם טרויער ליגט מענטש דאָ פאַרזונקען
דורך נאַכטישע וועלטן,
דורך טויט־שוואַרצע צייטן,
און האָט מער קיין כּוח באַוועגן די גלידער,
און הערט ניט די שטימע פון יונגן באַגינען.
לאָזט איר דערפילן,
לאָזט איר דערמאַנען —
לאָזט איר דערקענען אַ וועלט, וועלכע שטאַרבט ניט.

אַ ל ע:
ליכט — פון ליכט צו ליכט,
גליק — פון גליק צו גליק:
אייביק זיינען מיר פאַר זיין באַשטעלט,

אייביק זיינען מיר פאַר פרייד אין וועלט.
ליכט — פון ליכט צו ליכט.

ד י פ א :
אומעטיק־גוט איז צו זוכן אַ וועג,
אַז מען ווייסט ניט וואוהין.
וואו בין איך?

א י י ב י ק י י ט :
עס וועט דיין פרעגן ניט געענטפערט זיין —
נאָר ענטפער וואָס מען פרעגט בא דיר.

ד י פ א :
איך? איך? — איך בין אַ מענטשן־קינד,
פאַרפאָלגט אויף וועגן
פון אַ שרעקלעך־מערדערישער צייט,
געטריבן אין דער ווייט און ברייט
אין עלנט, נויט און פּיין,
פאַרלאָרן פון די אַלע, וואָס הייסן מיין.

ג ל ו י ב ן :
ווי קומסטו אויף אַ פעלד אַליין
אין נאַכט פון דונערן און שרעק?
ביסט געווים אַראָפּ פון גראַדן וועג!

ד י פ א :
ווער ביסטו, וואָס דו רעדסט צו מיר אַזוי?

ג ל ו י ב ן :
דיין פירער אויף דעם וועג צו רו,
די שיין אין דיר, וואָס ליכטיקט אויף דיין איך.
דען וואָס איז גאָר דער גאַנצער מענטש?
אַ שאָטן, וואָס ער וואַרפט זיך הין און הער —
צי גייט, צי פאַלט.

ד י פ א:

ניין! ניין!
דו קענסט געווים ניט איצט די שווערע צייט —
דעם נייעם מענטשן־דור,
וואָס איז מיט אָדערן פון זון באַוועבט,
נאָר אַנגעזאַפּט מיט פינסטערניש פון וועלט,
אָנגעטרענקט מיט בלאַסן הונגער־פּיין,
די מידע אויגן עפּעס וואו פאַרקלערט,
בלאַסע ליפּן ציטערן פון דורשט,
אין האַנט אַ שווערד פון בלאַנקן שטאָל,
אַ קראַנקעס קינד, געדריקט צום ברוסט
און עס שלאָגט זיך אום — אַ וועלט און וועלט,
פייער, וואַסער, בלוט און צערנדיקע קרענק.
עס ווייסט קיין מוטער, פאָטער, שוועסטער, ברודער,
איינער פון אַ צווייטן,
און וועלט פון וועלט פאַרשטעלט,
דורך הערצער גיפטיקע פאַרצאַמט
דורך יאָרן גרוי און שוואַרץ
ווי אָפּגעצערטע קעץ,
דורך שעה׳ן — שלאַנגען־גרין,
מיט אויגן טויזנטער באַזעצט —
און הינטער זיי לויפט די צייט, וואָס טריפט מיט גאַל.

יוגנט:

שטאַרק נאָר מוזסטו זיין,
דעם נאָמען יונג פאַרשטיין.
ניטאָ קיין לייד, וואָס יוגנט שטייט ניט ביי.
זי איז אין וועלט דעם שטורעמס ברומעריי,
וואָס ווערט פאַרטויבט נאָר דאַן,
ווען די נאַטור רופט עס צוריק.

ד י פ א:

יאָ, יונג בין איך.
און ווי איך ליב דיך, יוגנט, גאָלדענער טרוים!
אין מיינע שוואַכע גלידער ליגסטו אויסגעזייט,
ווי יונגע שפּראָצונג אויף אַ פרישן פעלד —

וואָס ס'ווייסט די גאַנצע וועלט,
ווי פיל און גרוים עס וועט נאָך אויסוואַקסן.

ליבע:
וואָס איז הייסער ווי די ליבע האַרץ
און וואָס איז שטאַרקער ווי פאַרלאַנג אין איר?
דאָס ליכט פון לעבן ליגט אין אירע הענט.
זי איז די שיין פון מענטשנס זיין.

יוגנט:
יוגנט וועקט די ליבע אויף.

ליבע:
ליבעס ליידן, ליבעס פריידן
איז דעם מענטשנס שענסטער טרוים.

דיפא:
אָ, דיינע פלאַמען לעשן זיך
דורך שוואַרצע שאָטן-פינגער, וואָס זיי האַלטן דיך.
דיין שטאַרקייט ווערט פאַרשוואַכט
דורך טראָפּנס גיפטיקע, וואָס עס גיסט אין דיר די צייט.
דיין קלאַנג צערינט אין שפּאָטישן געלעכטער.
דו ביסט נאָר איצט אַ שפּיל פון שאָטנס, ליכט.

גלויבן:
דו ביסט ניט אויף קיין גראַדן וועג.
וואו איז דיין גאָט,
וואָס האָט אויף וועגן דיך געפירט?

דיפא:
ניין, איך ווייס ניט מער.
כ'געדענק אַ בילד נאָך פון מיין קינדהייט צייט.
עס איז פאַרנאַכט געווען.
אַ וויינענדיקע, אויסגעגרויטע לופט,
און, קוים צו הערן, האָבן שויבן זיך געזעגנט —
מיט טרערעלעך, ווי שפּילקע-קעפּלעך אָנגעזעצט.
שטיל און אומעטיק איז עס אין שטוב געווען.

די קראַנקע מוטער איז אין בעט געלעגן,
מיט שטילע קרעכצן אָנגעפילט די לופט.
אַ הענגענדיקער לעמפּל האָט געברענט
און אַלץ מיט שאָטנס איינגעהילט.
איך האָב באַם פענסטער אין אַ ווינקל זיך פאַררוקט.
ווי שווער האָט זיך מיין האַרץ פאַר גאָט צעוויינט!
און קיינמאָל האָט ניט גאָט מיין קלענסטן וואונטש דערפילט.

פרילינג:
אָבער אין פרילינג צייט ווער קען פאַרטרויערט זיין?
ווען יעדעס ווערימל ווערט יום-טובדיק באַנייט,
און אַלץ וואָס צאַפּלט זיך, ווי אַ מילב די גרויס,
ווערט מיט לעבן פול
פון שמעקנדיקער פרייד.

דיפא:
אָ, דו גרינער גליק פון ערד און מענטש —
זיי געבענטשט! דו שמייכלענדיקער טרוימער,
דיין זיין איז גרינער שוימענדיקער וויין,
וואָס שכורט יעדן אָן
און שוואַכט אָפּ יעדע לייד.

דו אייביק-שטראַלנדיק און פאַרביק קינד,
וואָס טוט זיך אויף די וועלטן אָן
פון הויך ביז נידער!
דורך יעדן שמאָלן ערד-שפּאַלט
קריכסטו דורך.
אויף אַלע גרויסע ערד-טיילן זעט מען דיך.
יעדער פילט דיך אין טיפענישן פון זיך
און ווערט אַ שטיק פון דיר.

דיין הויך איז בלויע לופטן-מילך,
דיין אויג איז ראָזע וואַרעמע ליכט.
דיין קלייד איז גרין און דופטיק פוך.
דיין שלאָף איז בלאָס און זילבער-גלאַנץ,
דיין טרוים איז גאָלדענע פאָמעראַנצן-דופט.
אָ, גרינע פרייד, אויך דו פאַרגייסט!

ד י פ ָא (צו כוח):
און ווער ביסטו, דו גרויס און מעכטיק גוף,
געפֿאַנצערט און פֿאַרשנורט אין אייזן-שטאָל?
דעם גאַנצן ערד-קנויל קענסטו נעמען אויף דיין קאָפּ
און אומטראָגן עס דורך ניט-זיין פֿון דער וועלט.
דו הויכסט מיט שטאָל,
מען פֿילט דיך, ווען דו קוקסט נאָר אָן.

ט ָא ג:
אַ בלויען פֿאַקעל טראָג איך פֿאַר דער וועלט,
און היל זי צערטלעך אין די פֿאַלדן פֿון מיין קלייד,
און קראַנץ זי אום מיט ראָזע זונען-ליכט,
און טרינק אַריין דעם זילבער ערדן-טוי,
און קלאָר זי אויס פֿון יעדן שאָטנדל.

איך קוש אויף בלימלעך, בלעטלעך, גראָז
און לאָז צו שווימען ווייט
דעם אויסגוס פֿון דער גאָלדענער זון,
און פֿיל די וועלטן אָן
מיט פֿייפֿן, רוישן, ברומען.

איך קיל מיט ווינטל אָפּ די הייסקייט פֿון איר לייב
און לאָז פֿאַרבלאָזן שטיל צוריק דעם זונען-פֿייער.
איך שיק אַ זילבער-טוי אויף פֿעלד און וואַלד אַרויף
און טו מיט שאָטנס אָן דעם גרויסן וועלטן-לייב,
און לאָז די פֿרעשעלעך זיך אַלע אין דער לופֿט צו שרייען.

ד י פ א:
און איר? איר אַלע פֿאַרביק ליכטער דאָ —
ווער זיינט איר נאָר? און וואו בין איך?
אָ, דו גאָלדן-טאַנצנדיקע שיין,
וואָס שוועבט אַרום ווי אַ טרוים,
וואָס יעדער וואַנדלט נאָך דיין ליכט,
אַריבער טרויער, פֿרייד און טויט,
דורך בראַנד, דורך רויך,
דורך ים, דורך ערד —
אויף די פֿלייצעס אַנגעזעצטע יאָרן,

די אויגן פול מיט שעהן, וואָס פאַרפליען,
אין די האָר די גרויע אייביקייטן,
און הינטערן רוקן קומט דער טויט געריטן.

ד י פ אַ (צו ערד):

און דו? דו גרויס און פרוכטיק גוף,
וואָס טראָגט אויף זיך די וועלטן־לאַסט
און שפייזט אַ ווערימל מיט זאַפט —
אָ, ווי ליב איך האָב דיך, שיינע ערד!
דו זאַפּסט איין מיינס אַ טרער
און הויכסט מיר אָן אַ פרייד,
און סיי אין פרייד, און סיי אין לייד,
ווען איך קום אויף דיינס אַ פעלד
און זע די שעפעלעך, וואָס קייען פון דיין שפייז
און ליגן מיט די בייכער צו דיין שויס,
און קוקן אָן דיך,
ווי די קינדער, ווען אַ מוטער זינגט זיי וואָס —
איך וואַרף מיך, ווי די שאָף אויף דיר אַרויף,
און מיר ווערט אַזוי גוט,
פאַר גוטסקייט וויינט זיך מיר מיט טרערן אויס.
די אויגן מאַך איך צו
און שמעק דעם דופט פון דיר.

ש ט י מ ע:

דער לאַרבער־קראַנץ, אַ וועלטן־קינד, איז דיר...

ד י פ א:

שיינע ערד,
דיין זיין האָט וועלט פאַר וועלט געמאַכט,
דיין זיין האָט אַלץ וואָס לעבט געבראַכט.
דיין זיין איז טרויער, שמערצן, ליכט און פריידן.
איין פרילינג־נאַכט מיט דיר פאַראיינט
איז מער ווערט, ווי אַ גאַנצעס נישטיק לעבן.
און ווען אַ טויט לעשט אויס דעם לעבנס־פלאַם
און לאָזט דעם גוף אין טיפער ערד פאַרזונקען —
בלי איך אויף צוריק אַ בוים פון גרוב
און וועל אַ פרייד פאַר וועלטן אייביק רוישן

צ יי ט:

ווער וויל שטאַרקער זיין, ווי איך?
מיינע איז די גאַנצע וועלט!
איך בין צייט, איך בין מענטש,
איך בין האַר, איך בין קנעכט —
איך לאַך און וויין, איך בוי און ברעך!
אַ מענטש, אַ וועלט — פאַר מיר אַ לאַך!
הי הי הי הי!
אַ מענטשעלע, אַ וועלטעלע —
פאַר מיר אַ שפּיי, אַ שפּיל!

פרימאָרגן אויפן פעלד

פערטער טייל

ד י פ א :

דו נעמסט מיט זיך, פאַרגייענדיקע נאַכט,
אַלע מיינע קרישטאָלענע חלומות
און פאַרטראָגסט זיי אין דיין וואַנדערן
צו יענע שטערן זילבערנע...
זאָלן מיינע חלומות אין זייער שיין זיך אָפּשפּיגלען,
זאָל אויפבליען ווידער מיין פאַרגייענדיק איך —
ווייל מיט אייער קרישטאָלענער בלאַסקייט
גייט אויס מיין פאַרחלומטער זיין.

כ'ווער אין יעדן קומענדיקן היינט
באַשאַפן פון דאָס ניי
מיט די פרישע קוואַלן פון אויפבליענדיק לעבן.
איך פאַנצער אַרום מיין ערשט-געבאָרענע נשמה
מיט שטאָלענע, גאָלדענע זון-שטראַלן.
פון נייעם הויבט זיך אָן מיין לעבן,
פון נייעם ווער איך ווידער מענטש,
פון נייעם צעבליט זיך מיין יוגנט
און פון נייעם דערפיל איך די וואַרעמע פרייד
מיט דער ערד.
הימל און ערד! ווייט און ברייטן!
לאָמיר זיך איינדרייען
אין אַ גרויסן גרינעם, פאַרגאָלדעטן קנויל
און צוזאַמען אויסלעבן אונזער טאָגיקע
אייביקייט.

ד י פ אַ (צו די שלאָפנדיקע):

שלאָפט נאָר, איר מענטשן פון האַס און פיין.

פאַר אייך איז די נאַכט אַזוי רואיק געווען —
איין רואיקע נאַכט נאָך פיל שרעקיקע נעכט
פון ליגן אין קעלערס באַהאַלטענערהייט
אָן וואַסער, אָן ברויט.

אָ, דו גרויסע פינסטערע, בלוטיקע צייט!
דיך זע איך זיך שטאַרקן פון טאָג צו טאָג.
פאַרטומלסט, פאַרטיליקסט די וועלט,
די מענטשן פון דער ערד,
און קיינער פאַרשטייט ניט דיין זין.

צי ביסטו די ענדע פון וועלטישן זיין?
שלאָפט, מיט אייער מידן, צעטומלטן מאַרך
און אַזוי שוואַך,
צו קענען מיט שטאַרקייט זיך שטאַרקן
אויף בעסערע צייטן.

צי מוזן מיר אַלע אין בלוטיקע וועלטן פאַרגיין?
אָ, ניין! שטאַרק מוז מען זיין —
עסן די ערד און טרינקען דעם ווינט —
נאָר ניט זיך פאַרלירן אין איר!

דיפאַ (די פרייד פון ליכט):
איך בין דאָ!
איך האָב מיין נאָמען רופנדיק געהערט —
און אָפּגעענטפערט האָט די ווייט און ברייט.
מיין נאָמען אויפגעכאַפּט האָט הימל, ערד,
און זיך פאַרטיילט,
ווי שוואַלבן צוויי מיט אַ גרינעם בלאַט.
הימל, ערד האָבן מיך צוריק געשאַפן
מיט כוחות פון די גרויסע בערג,
מיט גיכקייט ווי דער פאַל פון בליץ,
מיט לייכטקייט ווי די שטרוי אין ווינט,
מיט יונגקייט ווי דער שמעטערלינג,
מיט שטילקייט ווי די בלום אָן ווינט,
מיט הייסקייט ווי די זאַמד אין זון,
מיט צאַרטקייט ווי אַ שוואַלבן־שלאָף.

און ערד האָט מיר אַ בלומען-קראַנץ געשענקט,
און זון האָט עס מיך מיט זונען-ליכט אָנגעהויכט.
איך האָב מיין לייב אין קילן טייך געבאָדן
און האָב דעם נעכטן פון זיך אָפּגעשווענקט.

ד י פ אַ (צווייפל):
אין טונקלהייט פאַרטאָן ליגט אייער טראַכטן.
ווי גרויער נעפּל ציט עס זיך דורך בלויער לופט
און וויקלט אייך אַליין דערינען איין;
און ווערטער פליען, ווי די מוקן זומער-צייט —
שטעכן איין אין פלייש
און פילן אָן די לופט מיט ווילדער יאָגעריי.

ד י פ אַ (וויזיע):
אַ שוואַרצער נעפּל אין דער וועלט צעשפּרייט
און אויגן בליצן פול מיט ברענענדיקן כעס,
בלאַסע פינגער טאַפּן נאָכן שטאַרבנדיקן שיין
אין לופט אַריין
און פאַלן איינציקווייז אויף ערדן וואו אַוועק.
און עפּעס גייט וועך אום
אין טונקלקייט פאַרהילט
און בראָדזשעט שפּריצנדיק אין בלוט.

ד י פ א (אומקלאָרקייט):
אויף דיר, דו ערדן-באַל, איך וויג זיך אום.
דאָ לאָזטו זיך אָפּ,
דאָ הויבסטו זיך אויף;
פון איין זייט טאָג,
פון איין זייט נאַכט;
איינע שלאָפט,
די צווייטע וואַכט.
און דאָך בין איך — אַ ווער,
געשאַפן אפשר שוין זינט אָנהויב וועלט
און בלאָנדזשע דורך די אַלע צייטן אום.

ד י פ אַ (צוטרוי):
איך וואָלט מיך לייגן מיטן פּנים צו דער ערד

און קושן, שמעקנדיק איר דופט.
זי גיט אונז אַלצדינג פון איר גוף —
נאָר טיילן קען זי ניט.
זי לאָזט אונז רוען,
ווען אַ הימל נעמט פון אונז דאָס לעבן צו
און טוליעט איין אונז אין איר ערדן-וואונד,
און לאָזט אַ ווײנענדיקן דופט
אַריין אין לופט
און צו דעם הימל פליען.
ערד, ערד! מיט דיין בלויען מאָרגן-טיול
באַצויגן אויף דיין גרין-באַפּרילינגט קלייד —
מען טוט דיין שיינקייט אָן מיט בלוט און האַס — און טויט.

ד י פ אַ (עקסטאַז):
אָ, שוואַכער כוח שטייגט אויף מיר אין די גלידער
און ציט זיך, הויבט זיך מיר צום קאָפּ אַרויף.
איך וואַקס! איך וואַקס אַריבער אַלע וועלטן!
איך בין פון שטאָל און פייער, ווי אַן ערדן-קנויל,
און קען אַליין זיך קייקלען דורך אַ ניט-זיין.
מיין זיין איז וועלט. פון צייטן נישטיקע
דורך פייער!
איך וועל אַוועק, און גיין — דורך בלוט, דורך טויט,
איך וועל צעציען זיך אויף וועלטן ווייט און ברייט,
פאַרלעשנדיק איר גרויל

(איין וועלט גייט אוים, איינע גייט אויף.)

ד י פ א:
איך זע דיך, וועלט, אין דיין פאַרגרויטן ניט-זיין.
דיין זיין איז איצט דערשטיקט אויף לייב פון ערד.
וויפיל טויזנט יאָר האָסטו, ערד, אַ וועלט געטראָגן?
און אפשר איז עס גאָר אַ צייט פאַר וועלט-זיין,
וואָס טראָגט זי אוים און שלינגט אַליין זי איין?
דו ערד, דו בלייבסט! און ווער, אָ, קען דיין אַלטקייט,
צי האָסט אין זיך ניט וויפיל וועלטן-גאַנג?

דיך האָט באַנאָמענט מענטש, וואָס איז געשאַפן,
דער מענטש, וואָס האָט דיך, ערד, געמאַכט פאַר וועלט.

דורך מענטשן־קראַפט ווערסטו, ערד, אַ וועלט־גאַנג
און ווערסט פאַרוועבט אין קייט פון אייביקייט.
און נאָר אַ טרערן־שנור, און האַרץ צעוואונדיקט —
דאָס איז דער אָנדענק פון דעם מענטשן־זיין.

איך בין אַ מענטש און שטיי מיט דיר, דו ערד —
צוויי כוחות, וועלכע קוקן איצט זיך אָן.
איך גיב דיר, ערד, אַ מענטשן־וועלט אַ נייע
צו ליבן דיך און אייביק זיין דיר נאָענט,
ווי קינד און קינד, מיט ליבע, נייעם גלויבן.
דו — גיב מיר אייביקייט פון דיין ערדן־פרייד.

אין שטילע זומער נעכט

- דער אייביקער טרוים
- די נשמהלע
- דער מאַמעס אַ טרער
- כוח און צאַרטקייט
- דעם טאַטנס אַ הוסט

דער אייביקער טרוים

ס'איז שטיל לעבן וואָלקנדל־טיר,
וואו עס רוט אַ נשמהלע קליין,
וואָס דאַרף נאָך אַ ווער זיין אויף דער ערד.
הערט זיך אַ קלאַפּ —
שטיל, ווי אַ טראָפּנדל רעגן אין פענסטער
בײַנאַכט טוט אַ פאַל.

און ס'ציט זיך פון וואָלקנדל הייזל
אַ קנוילכעלע ליכט,
שוועבט־צו צו געפלדיקער טיר
און פרעגט אַזוי שטיל,
ווי אַ פליגעלע טוט אין איר נאַכט־רו אַ פלוצלינגן זשום, —
איז דען מיין צייט שוין אַרום?

שטיל... ווי אַ צאַפּל, וואָס גיט זיך
אַ ווייענדיק פאָן פון ווינט —
שטיל... ווי עס הערט זיך פון פרעשל אין שטילקייט
אירע שפרינגענדיקע טריט —
דריקט עס זיך נעענטער בא צווייטער זייט טיר
און זשומט אָפּ צוריק.

איך בין אַ געלייטערטע נשמה,
וואָס האָט אויף דער ערד ווען געלעבט.
ליכטיק און ריין בין איך איצט שוין
פון יענעם אַמאָל.
איך האָב שוין קיין טראָפּנדל מערער,
וואָס קען מיר דערמאָנען אַ זיין.
קום איצט אַראָפּ נאָר צו זען,
וואָס עס טוט זיך אויף ערד.

ס׳איז נאַכט... און ס׳איז טויאיק, און בלוי,
ווי די בלוי אין אַ ווייסל פון אויג —
און קיינער וועט איצטער ניט זען אונזער פליען
אויף ערד.
ס׳איז שטיל און פאַרשלעפערט דאָרט אַלץ...
וועסט קיינמאָל ניט קענען פאַרגעסן דעם צויבער
פון איר...

שטיל... ווי אַ טראָפּנדל פאַלט אין אַ בעכער —
הערט זיך אַ לאַך.
שטיל... ווי דער ווינטל פון מויל
גיט אַ וואָרף זיך אויף ברענענדיקע ליכט.
און עס שפּאַרט זיך פון נעפּלדיק הייזל
אַ שפּינדעלע דורך,
ווי די גרוים פון אַ פונק,
און ענטפערט אַזוי:

— גאָרנישט, און גאָרנישט איז אַלץ
קעגן רואיקן נישט.
גאָרנישט, און גאָרנישט איז אַלץ
קעגן טרוימען די וואָר.
זאָל בעסער אייביק דער ניט-זיין
דערוואַרטן אַ זיין.
זאָל בעסער אייביק נאָר גליען
דער פונק פון אַ פלאַם,
איידער דער פלאַם זאָל פאַרלעשן,
ניט לאָזנדיק מערער קיין פונק.
מיך ציט ניט דאָס לעבן פון וועלט

שטיל... ווי אַ קעצעלע קנויט,
האָט זיך וויינען געהערט:
— יאָרן און יאָרן זינט גוף האָט געפּוילט דאָ,
האָט מיין נשמה געבענקט
נאָך פרילינגדיק גאָלדענעם טאָג,
נאָך זומערדיק זילבערנער נאַכט,
נאָך גרעזעלע גרינעם פון ערד,
נאָך רעגנדל וואָרעמס פון הויך.

פאַרפּוילט שוין דאָס לעצטינקע שטיקעלע פליש.
פאַרגאַנגען דאָס יאָרנלאַנג ערדישער שטאָם.
איך בין שוין איצט אייביקע ליכט,
איך בין שוין איצט אייביקע נאַכט.
איך וויל נאָר אַ קוק טאָן די וועלט,
איך וויל איצט אַ קוש טאָן די ערד.
עס ציט מיך מיין אייגענער טרויס,
וואָס שוועבט דאָרט אַרום...

שטיל... ווי אַ בלעטעלע דרייט זיך
אין ווינטל אויף ערד.
שטיל... ווי אַ שפּילקעלע פאַלט אויף אַ דעקל
פון בלעך,
ענטפערט עס אָפּ:
— אייביקער ליכטיקער טרויער איז זיין,
אייביקע פינסטערע ליכט איז ניט־זיין.

וואָס איז די וועלט, ווען זי קען ניט דערגרייכן
די שיין?
בעסער קיינמאָל ניט געווען,
איידער געווען — און פאַרגיין.
איך וועל איצט אַ קוק טאָן דיין וועלט...
שטיל, ווי אַ וואַסערל זשומט,
האָט זיך לאַכן געהערט —
און אין שפּאַלט פון אַ פּלוצלינגען בליץ
זיינען ביידע אַרונטער אויף ערד.
— — — — — — — — — —
די נאָך־ניט־געלעבטע נשמהלע רעדט:
— וואָס פאַר אַ שיינקייט דאָ ליגט?
וואָס פאַר אַ זשומען גייט דורך?

און עס ענטפערט איר אָפּ:
— די שיינקייט פון זומער באַנאַכט,
דאָס אָטעמען שטיל פון דער לופט.

— און גרינעס, וואָס ליגט דאָרט צעשפּרייט?
און גרויעס, וואָס זעט זיך פון דאָרט?

— די וועלדער און פעלדער אַרום,
די שטיינדלעך, וואָס רוען פון טאָג.

— און פאַרביקס, וואָס הויבט זיך פון זיי?
און בלויקייט, וואָס שפּרייט זיך אין הויך?

— די הייזער, וואָס מענטשן פאַרבאָרגט,
די בלויקייט פון הימל, וואָס שוועבט.

— וואָס פאַר אַ קול הער איך איצט?
און וואָס פאַר אַ מאָדנעדיק קלאַנג?

— עס זינגט ווער אין פעלד איצט באַנאַכט,
עס שפּילט ווער גיטאַרע דערצו.

— וואָס פאַר אַ ליכט גייט פון זיי?
קום מיט מיר נעענטער אַראָפּ.

— דאָס ליכט, וואָס די ליבע באַשטראַלט.

— וואָס פאַר אַ נייער געזשום?

— דאָס וואַסער, וואָס שפּאַלט דורך די ערד.

— איז דאָס אין הימל ניטאָ?

— דער הימל פאַרמאָגט ניט קיין זיין.

— עס בלייבט עפּעס אַלצדינג אַרום.
וואָס פאַר אַ פּראַכט.

— מיר מוזן צוריק.

— וואָס פאַר אַ קלונג?

— אַ קוש.

— ליכט, שיינקייט פון וועלט.

— אייביקער זיין.
ניטאָ מער וואו פליען צוריק.

און פאַר אייביקן טרוים פון דער וועלט
זיינען ביידע צעגאַנגען אין לופט.

די נשמהלע

— איינמאָל אין אַ נאַכט פון זומער,
— גרין און קלאָר די גאַנצע וועלט,
איז מלאך זאַכט געפלויגן
זיך אַראָפּגעלאָזט אויף ערד.
און מיט זיך האָט ער געטראָגן
אַ נשמה, קליין און צאַרט,
אין אַ קליינעם, שטילן שטעטל,
אין אַן איינזאַם אָרעם הויז.

— נעם צוריק מיך, גוטער מלאך —
האָט געבעטן זיך די שטים
פון דער קנוילכּעלע נשמה,
ווי אַ זשום אין זומער־לופט.
— אַלץ איז פינסטער דאָ, אָן ליבע,
און דערנאָך ערשט דאַרפן שטאַרבן...
נעם צוריק מיך מיט אין הימל —
איך וועל אַליין צו גאָט דאָרט בעטן.

— ניין, זאָלסט לעבן פריי און גליקלעך, —
האָט דער מלאך שטיל גערעדט.
— וועסט זען וועלט, ווען זי איז ליכטיק,
וועסט זען שיינקייטן פון ערד.
זעסט די גרויסע גרינע לאָנקעס,
וועלכע שלאָפן דאָרט אין טאָל?
און אַרום די בערגלעך פלאַכע,
פול מיט פרישן קאָרן־גאָלד.

— דאָרטן שוועבט אַרום דער מאָרגן
רויט אויף בלוי, אַ גאָלדן שנור,
וועלכער זעט אויס איינגעפלאָכטן

קייטלעך דינע אָן אַ שיר.
און דער טייך, וואָס לויפט אַ קלאָרער,
צאַמט אַרום דעם וואַלד און פעלד.
אַלץ וואָס ליגט פאַר דיר אַרום דאָ
וועט דיר ווערן טייער, ליב.

נאָר געקלאָגט האָט די נשמה
און געריסן זיך צוריק,
ווי אַ ווינט אין קאַלטער האַרבסט-נאַכט
דורך די שפּאַלטן פון אַ טיר.
און געזען האָט זיך אַ הייזל,
קוים באַלויכטענע מיט ליכט —
עפּעס וויינט מען דאָרט, מען טומלט,
עפּעס לויפט מען דאָרט אַרום . . .

און דערשראָקן רעדט דער מלאך:
— גאָט האָט מיך געשיקט מיט דיר.
עס איז דיין צייט, דו מוזט אַ מענטש זיין,
פאַר דער וועלט אַ נייע ליכט.
און די נשמה: — ניין, איך וויל ניט.
איך וויל אין רו פון גאָר־ניט זיין,
און אייביק חלומען פון גאָר־ניט,
און אייביק חלומען פון זיין.

און ארוים איז די נשמה
זיך באַהאַלטן אין אַ בלום,
וועלכע איז באַם שטוב געוואַקסן
קעגן ליכט פון פענסטערל.
איז אַוועק צוריק דער מלאך
אַ דערשראָקענער צו גאָט,
און געבליבן בא די ברעגן
אויסגעהערט וואָס טוט זיך דאָרט.

דורך די בלויע טויען זעט ער —
ציט זיך פלאַמען־זיילן הויך.
אין אַן איינדעקעכץ פון בלוי־ווייס
זיצט אַ ראָזע פלאַם־געשטאַלט.

זון, און שטערן, און לבנה
ליגן רונד אַרום צעשפּרייט
און מלאָכים — אַלע פאַרבן —
זינגען עפּעס שטיל מיט פרייד.

און גאָט: — עס ווערט אַ מענטש געבאָרן.
גרויסע פרייד פאַר דער ערד!
ער זאָל די פינסטערניש פאַרטרייבן,
וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די וועלט.
דו זון, זאָלסט אים מיט גאָלד באַשיינען.
לבנה, מאַך אים גרויס און שיין.
איר, שטערן, זאָלט חלומות וועבן.
מלאכים, היט פון שלעכטס אים אויס.

און אַריין איז שטיל דער מלאך,
שוין פאַרבלאַסט, ווי מאָרגן-בלייך,
און פאַרגראָבן זיך אין בלויקייט,
אַרויסגעלאָזט אַ שטאַרק געוויין.
און גאָט: — וואָס איז דאָס פאַר אַ טומל?
עפּעס שטאַרבט ווער אָן אַ צייט.
עס דאַרף אַ מענטש געבאָרן ווערן
דורך דעם שטאַרבנדיקן לייב.

וויינט פאַר גאָט זיך אויס דער מלאך
פון אַלץ וואָס ס'האָט אויף דר'ערד פּאַסירט,
און פאַרברענט אין פלאַם זיין קלייד זיך
פאַר אַן אָפּקום פון זיין זינד.
און גאָט האָט אַ געשריי געגעבן —
זיינען שוואַרצע אָנגעשפּרונגען,
פּאַטשנדיק מיט שוואַרצע פליגלען,
שפּריצנדיק מיט פלאַם פון אויגן.
— גיי אַראָפּ, דו שוואַרצער מלאך,
ברענג צוריק מיר די נשמה,
וואָס וויל ניט געבאָרן ווערן
פאַר דער וועלט צו זיין אַ גאולה.

נאָר געטראָפן האָט דער מלאך

שטיל אין וויינען די נשמה,
צוגעטוליעט שטאַרק צום פענסטער
פון דעם הייזעלע דעם קליינעם.
דאָרטן איז אין בעט געלעגן
שטיל און בלייך די יונגע מוטער.
פון אירע גרויסע קלאָרע אויגן
האָבן טרערן זיך געגאָסן.

אין אַ מולטערל אַ קליינעם,
לעבן פענסטער אויף אַ שטול,
האָט גערוט דאָס טויטע גופל
פון אַ קינדעלע אַ שיינס.
דערזעט דעם מלאך די נשמה,
ווערט פאַרציטערט זי פון שרעק.
עס ציט און בענקט איר צו דעם גופל,
אין וועלכן זי האָט זיך דערקענט.

און זי פלאַטערט אום באַם פענסטער,
עס ציט איר צו דער מוטערס ברוסט,
וויינט פאַר וועלט איר טרויער אויס,
וויל פון ערד ניט מער אַוועק.
און עס הויבט שוין אָן צו גרויען.
גיט דער מלאך איר אַ ריס —
אין די גרויסע שוואַרצע פליגלען
טראָגט ער זי צוריק צום נישט.

דער מאַמעס אַ טרער

אַ טרער איז אין לופטן געהאַנגען,
אַ טרער האָט זיך אַלץ מער צעשפּרייט,
אַ טרער האָט זיך פאַרביק געביטן,
געבליבן צווישן הימל און ערד.

אַ טרער איז געשטאַלטיק געוואָרן,
אין וואונדער־קאָלירן באַקליידט.
געבלענדט האָבן אויגן ווי זונען,
דער פּנים ווי ראָזער באַגינען
און האָר ווי די מאַרגיקע רויט.

לעבן זיך האָט זי געהאַלטן
אַ יוגנט, דערשראָקן און בלייך,
אַ פרעגן פאַרגליווערט אין די אויגן,
מיט ליפּן צעעפנטערהייט.

און הויך, הויך האָבן ביידע געשוועבט
צווישן הימל און ערד.
— יוגנט:
ווער ביסטו, וואָס טראָגט מיך אַזוי ווי אַ צערטלעכע מאַמע
איבער די וועלטן, וואו עס הערט זיך אַ טומל פון שרעק?
איך הער אַזאַ ברעכן, ווי הייזער וואָס פאַלן אין פלאַמען
און וועלטן פאַרזונקען, אַזוי ווי צוזאַמען מיט וועלט.
ביסטו דער מאַמעס אַ טרער?
איך האָב דיך געזען, ווי דו האָסט זיך געקייקלט פון באַק,
פון דער מאַמעס אַ באַק, איינגעפאַלן און בלייך.
זי האָט נאָך געזונגען דערצו
אַזוי אומעטיק, שטיל
און האָט מיך צום שלאָפן געוויגט.
ביסטו דער שלאָף פון מיין איך?
צי ביסטו מיין מאַמעס געזאַנג, וואָס זינגט זיך אין מיר?

ווייט האָט אַ דונער געטאָן,
די לופט האָט אַ ציטער דערלאַנגט,
און שטיל איז געוואָרן אַרום —
אַ וועלט, ווי אַ שלאָפנדיק שוואַלב.

שטיל... ווי אַ שטיינדל, וואָס פאַלט אין אַ טייך.
שטיל... נאָר די לופט גיט אַ הויך אויף אַ בוים.
און פיר פון דער ווייט און דער ברייט
האָבן געפּלדיק־בלוי זיך געטאָן אַ הויב אויף.
שטיל... אַ נאַכטיגאַל זינגט אין אַ בוים.
שטיל... אַ וואַסער־מיל דרייט זיך פון ווייט.
און שטיל האָבן די פיר זיך דערהויבן צו הימלישער הויך.
צוויי וועלטן, פון טאָג און פון נאַכט, איז געבליבן.

אַ וועלט, איינגעוויקלט מיט ראָזלעכע קייטן די ערד.
די הייזער אין מאַרמאָרנעם בלייך,
מיט פענסטער, ווי פּערלמוטער, דין.
וואַסער, ווי פליסיק קרישטאָל.
און מיט אַמאָל —
נאָר שוועבנדע מענטשן דורך זיי,
איינגעוויקלט אין פאַרביק געוואַנט.
אַ לאַכן, וואָס האָט זיי באַוועגט, איז געווען.
עס איז ווער געגאַנגען מיט שמאַטעס דאָס לייב אָנגעקליידט.
עס איז ווער געזעסן
און האָט אַ שטיקל פאַרטריקנטע ברויט געקייט.
און עפּעס בא אַ וואַנט איז געלעגן אַ מענטש,
וואָס האָט זיינע מידע צעווייטיקטע גלידער באַוויינט.

און פיר פון דער ווייט און דער ברייט
האָבן נעפּלדיק־בלוי
אין דער נאַכטיקער וועלט זיך געשפּרייט.
אויף בלאָטיקע וועגן, דורך געסעלעך קליינע,
איז געפאָרן אַ פור.
בלייכע, פאַראומערטע מענטשן זיינען געזעסן אין איר
און האָבן פאַרדרעמלט געקרעכצט און געוויינט.
קינדער, צו מוטערס געדריקט, האָבן די פינגער געקייט.
אַ רויך מיט אַ פלאַם האָט געטראָגן
פון געסלעך אַרויס,

און ווער מיט אַ פּאַק,
און ווער מיט אַ זאַק
זיך געטריבן אויף וועגן פון קויט,
און געוויינט, און געוויינט...

— יוגנט:
ביסטו די פרייד פון טאָג?
ביסטו דער טרויער פון נאַכט?
צי ביסטו אין מיין אייגענעם איך
אַ פאַרבאָרגענע ליכט, וועלכע לייכט?
לאָז מיך אַרונטער צוריק
צו דעם שמעקנדיק גרינס פון דער ערד.
עס ציט מיין נשמה און בענקט
מיט זיי אויף די וועגן צו גיין.

שטיל... אַ האָן וואָלט אַ קריי וואו געטאָן,
אַ פּאַסטוך וואָלט פייפן גענומען.
און פיר פון דער ווייט און דער ברייט
זיינען צערונען געוואָרן.

אַזוי האָט אין זומער באַנאַכט,
פאַרוויקלט אין שאָטנס און ליכט,
אַ קינד אויף דער מוטער געקוקט,
ווי עס טריקנט אַ טרער אויף איר באַק.
אָ, אָ, ביסטו דער מאַמעס אַ טרער?

כוח און צאַרטקייט

ערד איז כוח,
כוח איז לעבן.
ליכט איז יוגנט,
יונג איז ליכט.
דרייט זיך, וועלטן, איין אין פרילינג,
אין אַן אייביקן גרינעם גליק —
וועלן אייך טעג מיט גאָלד באַוועבן
און מיט בלויען זייד די נעכט.
וועט ליבע זיך צו ליבע רופן
און פאַרגופן גוף אין גופן,
מיט געדאַנקען און נשמות,
ווי די טייכעלעך אין שטראָמען,
וואָס צעפלייצן זיך אין ימען,
אייביק שפריצנדיק צום הימל,
אייביק אויסגעמישט מיט ווייטקייט.

אייביק ערדן אין איין בליען:
פאַלט אַ בלאַט אָפּ, וואַקסט אַ בלאַט צו.
בליט אַ בלום אָפּ, בליט אַ בלום אויף.
שניידט מען אין פעלד, זייט מען פרישע.
גייט אַ זון אָפּ, קומט אַ זון אויף.
נאָר אַ ווײַלע ווערט די וועלט בלייך,
נאָר אַ ווײַלע טרוימען מענטשן
אין די אויסגעבלייכטע שעהן.

ווען אויף ערדן-באַרג רוט אָפּ כוח —
ים דער גרויער אים צוקאָפּנס,
גרויסע וועלטן צו די פיס,
און בײַ זייטן ברייטע פעלדער,
אַלץ פאַרדעקט מיט שטערן-ליכט.

און פון ווייטן שטיל, אין שוועבן,
קומט זי אָן די שיינע צאַרטקייט —
לייכט פאַרהילט אין ראָזע טולן,
מיט איר ליליען-פאַרביק פּנים,
ווייסע האָר, ווי זיידן-נעפּלען —
און זי נויגט צום פּעלז און בעט זיך,
קושט זי אים, ווי פרילינגס לופטן,
און וועקט אים אויף פון דרעמל.

עפנט אויגן ער, ווי ים גרוי,
און באַטראַכט איר לייב דעם שיינעם,
פרעגט איר, ווי אַ ברום, אין שטילקייט —
ווער זי איז, פון וואו זי וואַנדערט.
און זי זעצט זיך מיט אַ שמייכל,
וועלכער שטראַלט ווי רויטע זונען,
און זי גלעט אים מיט די אויגן,
ווי אַ בלויער ריינער הימל.

— צאַרט בין איך... פון וועלטן קום איך,
שטענדיק בענקען נאָך מיר שוואַכע.
אַלע רופן זיי מיך — שוועסטער,
און פאַרגעסן דורך מיר ליידן.
ניט נאָר אַליין די שוואַכע —
אויך די שטאַרקע האָבן ליב מיך.
איינעם הייל איך אויס אַ וואונד,
איינעם זינג איך איין אַ פרייד.

און אַזוי פון מענטש צו מענטשן,
אייביק, אייביק, זינט איך וואַנדער,
דיך זוך איך, מיין כּוח שיינער,
דיך האָב איך געוואָלט געפינען.
זעסט די ערד? זי ליגט אַ גרינע,
און אויף איר, ווי ריזן-חיות,
דרעמלען וועלטן, קוים מען אָטעמט...

איצטער ענטפער אויף מיין פרעגן:
פאַרוואָס זשע אייביק שווייגט דער הימל,

און דער ים קען קיינמאָל שווייגן,
און די נאַכט נאָר אייביק סודעט?

און נאָך אַ זאַך פאַרטרוי איך דיר —
דיך איך ליב, ווי קיינעם, קיינעם...
און דערצייל מיר, שטילער, שטילער...
גליקלעך בין איך היינט מיט דיר נאָר.

און זי האָט, ווי פרילינגס אָוונט,
איר קאָפּ געבויגן צו זיין האַרצן,
זיך פאַרוויגט אין זיינע אָרעמס
און פאַרטיפט זיך אין אַ שווייגן.

וואָס, דו זעסט דאָרטן אַ הימל,
ווי אַ בלויער ים אַ קלאָרער?
און די פינקלענדיקע שטערן,
ווי די מאַנטעלעך, וואָס גליען?
איינס איז — נעפּל פון געדאַנק.
די צווייטע — חלומדיקע וועלטן.
וואָס העכער מער דו פליסט אַרויף,
אַלץ קענסט קיין הימל ניט דערגרייכן.

נאָר דערגרייכן קאָנסט די שטערן,
יענע חלומדיקע וועלטן,
ניט דורך פליען, ניט דורך טראַכטן,
נאָר דורך לייכטנדיקע שטראַלן.
אַלץ וואָס ס'קען דיין אויג דערזען
איז אַ שיכט פון בלאַנקן גליווער.
צי אַ וועלט פון לעבן, שטאַרבן? —
דאַרפסטו אויסחלומען ווידער.
יעדע וועלט איז ניט קיין קליינע —
גרויס פון איין עק ערד צום צווייטן.
וואָלט נאָר איינע נעענטער קומען,
שלינגט זי איין די ערד אינגאַנצן.
אָבער קיינער קומט ניט נעענטער —
שוין יאָר־טויזנטער פאַרגליווערט.

און די ערד גיט טויט און לעבן,
און דאָס לעבן הייסט אויף ערד זיין.

און דער ים? אַ וועלט פון אומרו!
אייביק טראָגן, אייביק ווייען,
אייביק לעבנס אין די גלידער,
קיינמאָל זיך פון זיי באַפרייען.
אַלע שטורעמס פון די ווייטן,
פון די אומענדלעכקייטן,
ווערן פריי אויף אירע פלאַכן,
רייסן, גראָבן אירע טיפן.

און זי שוימט מיט כעס צוריק,
מיט די כוואַליעס שפריצנדיק.
אויך אויף ערד זי פאַלט אָן שטענדיק,
באַשפּייט אירע ברעגן פול מיט שטיינדלעך.
נאָר דער ים בלייבט אויף זיין אָרט אַליין.
און די ערד איז ערד, און ערדיש.

זעסט די נאַכט פון אייביק סודות —
זי דערציילט אַ גרויסע זאַך אונז.
יעדער קען פאַרשטיין און פילן
נאָכן קלאַנג נאָך פון זיין האַרצן.
איינעם רעדט זי איין אַ טרויער,
איינעם רעדט זי איין אַ פרייד.
נאָר וואו דו ביסט איז די שיינקייט,
ווי דיין נאָמען אין מיין האַרץ.

דו ביסט צאַרטקייט, יעדער דאַרף דיך.
איך בין כוח, ערדס אַ זון.
איך רעגיר זינט אייביק וועלטן,
איך ברעך און בוי, איך שאַף און טו.
וואו איך קום, איז זיג, איז גרויסקייט;
פון וואו איך גיי, בלייבט שוואַכקייט, טויט.
נאָר דיך, צאַרטקייט וואונדער-שיינע,
נעם איך פאַר מיין קעניגן.

האַנט אין האַנט מיר וועלן שפּרייזן
דורך די וועלטן ענד צו ענד.
יעדער דאַרף אונז, יעדער זוכט אונז.
כּוח איז לעבן. יוגנט איז ליכט.
דרייט זיך, וועלטן, איין אין פרילינג,
אין אַן אייביק־גרינעם גליק.

דעם טאַטנס אַ הוסט

איך הער דיך, איך זע דיין געשטאַלט ניט אַרוים.
גרוי, פאַרגליווערט, ציסט זיך אַזוי דורך דער נאַכט.
דורך די רואיקע שטיינדלעך פון ערד,
איבער די גרינע בערג,
איבער לאַנקעס פאַרבלומט,
איבער פעלדער פאַרשטילט —
ביסטו דער הוסט, וואָס שפּאַרט זיך פון דעם טאַטנס מויל,
אַזוי פול, אַזוי שווער,
און קלאַפּסט זיך אַוואו אָן אַ וואַנט.

פון וואַנט שאָטנט אויס זיך אַ הויכע געבויגן געשטאַלט,
די גרוים ווי אַן איינזאַמער בוים,
און וויגט זיך אַזוי דורך דער בלוי.
עס קומען פון הימל די שטערן אַרוים
און בלייבן פאַרקוקט אויף דער ערד.

דער טוי פון די פעלדער דערטראָגט זיך
אַלץ העכער אַרויף,
וויקלט די ביימער אַרום,
מיידט אויך די געסלעך ניט אויס.
ביסטו דער ניט אויסגעשלאָפענער שלאָף
פון מיין איך?
ביסטו דער ניט-אויסגעקלערטער געדאַנק
פון געדאַנק?

ביסטו דעם טאַטנס אַ קרעכץ נאָכן הוסט?
צי ביסטו דער צער, וועלכער שוועבט אין מיין איך?
צי ביסטו מיין קאַמף צווישן שאָטנס און ליכט?

שטיל ... ווי אַ פֿידל וואָלט ערגעץ געשפּילט.
שטיל ... ווי געזונגען וואָלט ווער אַזאַ וואונדערלעך ליד.
ס'ווערט ליכטיק אַרום. ס'ווערט רואיק און שטיל.
ביסטו די ווײַלע, וואָס לאָזט נאָך דעם טאַטנס אַ הוסט?
צי ביסטו די רו, וועלכע קלערט אין מײַן איך?
צי גײט אויף דער מאָרגן אין מיר?

עס איז אַזוי גוט, ווען עס קלערט זיך אַ הימל אין בלוי.
עס איז אַזוי גוט, ווען עס זעט זיך דורך בלויקייט די וועלט
און דאָס פֿלאַמיקע גאָלד פֿון דער זון
הויבט זיך פֿון מזרח אַרויס
מיט טויזנטער פֿעדים פֿון ליכט
צו פֿאַרוועבן די וועלט אין איר גרויס —
ביסטו די רו, ווען דער טאַטע שלאָפֿט אײַן?

יוגנט לידער
אויף רוסישער ערד

- ☆ כארקאָוו
- ☆ יאַסנאפּאָליאַנע
- ☆ קרימינינייע
- ☆ יעקאַטערינאָסלאַוו
- ☆ ראָסטאָוו
- ☆ מאָסקווע

ליגן וועלטן אין דער נאַכט

ליגן וועלטן אין דער נאַכט
מיט קעפּ געבויגענע צו דר'ערד.
אויגן קוקן איינס צום צווייטן צו
און שיינען עפּעס אויסצוקלערן —
וואָס וועט ווייטער זיין?

איך קוק זיי שמייכלענדיק אין די אויגן אַן
און גלעט זיי אום.
ווי יונגע טיגערס ליגן זיי מיר רונד אַרום.
איך בין אַ וועלטן-קינד
און געשאַפן נאָר פאַר אייך צו זיין.

הימל, ערד און וועלטן-טיילן
איז מיין אייגן זיין.
איך זינג אייך שטענדיק מיט אַ שטילער פרייד
פון צייטן, יאָרן, שעהן, טעג,
וואָס קומען וועט —

אייך איינצוהילן אין אַ נייעם ליכט,
ווי אַ קינד.

איך ווייס קיין יאָרן ניט

איך ווייס קיין יאָרן ניט, איך ווייס קיין צייטן.
רגעס מאַך איך מיר פאַר אייביקייטן.
איך בין אַליין אַן אייביקע מינוט,
און מיר איז גוט —
איך האָב אַ קאָפּ, ווי ווילדע העלע שלאַנגען.
איך שיק זיי ראַנגלען זיך מיט ווינטיקע פאַרלאַנגען.
איך טראָג אין זיך די ווילדקייט פון אַ צייט.
דאָס איז גענוג
צו שרייען אין דער ווייט און ברייט —
איך בין אַ רגע פון דער אייביקייט.

היינטן

דעם דיכטער און פריינט, וואָס זעצט און
רעדאַגירט מיין בוך, וואָלף קראַסני — אַ מתנה

— 1 —

דו ליכטיקסטער היינט פון אַלע, וואָס זיינען פאַרגאַנגען —
קיינמאָל האָט די זון ניט געוואַרעמט מיט פרישקייט ,
ווי היינט!
דו האָסט אויסגעטריקנט דעם קוואַל פון די
שמערצלעכסטע זאָרגן,
און איך האָב דערקענט אין דיין שיינקייט
מיין איינציקן היינט

און דו, היינט, צעוואַקסט זיך, מיט גרויסקייט
און וואונדער צוזאַמען,
אַזוי ווי דו וואָלסט גאָר ניט זיין קיין אַלטעגלעכער היינט.
און איך קען איצט פילן פון אַ יוגנט, וואָס
לאָזט זיך ניט טרוימען,
אַ יוגנט, וואָס האָט נאָר געשאַפן, דו איינציקער היינט.
און נאָר פאַר דיר , היינט, דו גרויסער טאָג אין מיין לעבן,
זינג איך די לידער און דאַנק, וואָס דו האָסט מיך באַשיינט.
עס האָט מיר דיין שיינקייט די קראַפט פון
באַוואוסטזיין געגעבן —
אַז ווערט איז דאָס לעבן צו קענען דיך, איינציקער היינט.

— 2 —

איך האָב אַ שטאָק אין האַנט גענומען,
אָנגעטאָן ווי אַ מאַטראָז,
און איך גיי מיר דורך די גאַסן,
וואו זיך שפּילט דער יונגער היינט.

לויפן פערד אַרום מיט דראָזשקעס,
וואַרפן לייכט אַרום די פיס.
ווי אַ גרוס דעם היינט אַנטקעגן
שאָקלען קעפּ זיך אין דער לופט.

פול די שטאָט מיט יונגן מאָרגן,
פון געשעפּטן שלאָגט אַ דופּט.
אַלצדינג לויפט דעם היינט אַנטקעגן,
שטראַלט אין יעדנס אויג אַ זון.

און עס זשומט זיך מיר אַ לידל,
פריי, ווי פון אַ פויגלס האַלז.
ליגט די שטאָט, מיט קלאָרע שטיינער
אין דער זון, ווי פּערלמוטער.

מיט אַ בינטל ווייסע בלומען
לויף איך מיר אַוועק צום באַרג,
און איך קוק פון באַרג אַרונטער —
קניט פאַר מיר דער ווייטער פעלד.

— 3 —

(ערשטער מאַי)

דער נעכטן איז שוין אָפּגעפאָרן.
אַ היינט האָט מיך באַגריסט,
אַ היינט, וואָס איז פון אַלע היינטן
אַנדערש — שיין און גרויס.

קייטן גאָלדענע באַהאַנגען אָן אַ שיר,
און אָן אַ ברעג —
קייטן, וואָס זיי לייכטן, וויקלען איין
אַ גאַנצע וועלט.

ווי אַ העלד וואָלט אָנגעקומען
אין אַ גרויס פּאַראַד,
האָט ער מיטגעבראַכט דאָס לעבן
און די פריילעכקייט.

עס איז דער היינט צו מיר געקומען,
מיך דריקט ער צום האַרץ
און קושט מיך אָן מיט הייסער ליבע —
ליבע פאַר דער וועלט.

עס לייכט זיין גאָלדן קרוין פון פלאַמען
נאָר אויף מיר אַראָפּ.
איך בין אינגאַנצן ליכט געוואָרן,
איך ליב מיט יעדן וואָרט.

איך רייד מיט ווערט, און גאָר רויזן
ווערט פון זיי צעבליט.
אַלץ וואָס איז אין היינט און אָטעמט
בעטן נאָר צו מיר.

אין רייען שוועבן שעהן-טעכטער,
שלאַנק, מיט גאָלדענע האָר.
יעדע ברענגט אַ קערבל טרוימען
און בויגט פאַר מיר דעם קאָפּ.

איך בין די קייסערן געוואָרן,
די קייסערן פון היינט!
און קיינער קען אַזוי ניט ליבן,
ווי איך — דיך, שענסטער היינט.

— 4 —

היינט בין איך לאַנג אין וואַלד אומגעלאָפן.
היינט האָב איך גאָר נאָכן נעכטן געבענקט.
היינט האָב איך הינער און גענז געטריבן
און האָב, ווי אַ ווילדע, געשריען אויף זיי.

די קי האָב איך ניט דורכן וועג דורכגעלאָזן —
איך האָב זיי געוויזן אַ בייטש אין מיין האַנט.
היינט האָט דער פּאַסטוך אַ שטיין מיר געוואָרפן
און האָט מיר צעשלאָגן דעם שטערן ביז בלוט.

היינט בין איך באָרוועס צום וואַסער געלאָפן,
אויף בוימער געקלעטערט, די פויגלען פאַריאָגט.
איך האָב היינט אַ פראַש לעבן וואַסער דערשלאָגן
און האָב זיך געזעצט לעבן פראַש און געוויינט.

היינט האָבן קינדער פֿאַר מיר זיך געשראָקן —
איך האָב זיי געיאָגט ווי די קליינינקע שאָף.
היינט האָט אַ פֿערד מיך פֿון זיך אָפּגעוואָרפֿן —
היינט איז געווען פֿאַר מיר אַזאַ טאָג.

פֿרילינג

איך וואָלט וועלן זיין די טאָכטער
פֿון אַ גרויס, געזונטן פּויער,
און מיין מאַמע מיט אַ פֿאַרטוך
און מיט צוויי געזונטע אָרעמס,
וואָס זאָל קענען אַליין טראָגן
פֿאַר די קי אַ כּלי פּיטער,
און זיך זעצן אויף אַ בענקל
און ציען מילך פֿון קיאישע אייטערס.

און אין פֿרילינגדיקע מאָרגנס
זאָל מיין טאַטע שרייען, טומלען
מיט די פֿערד און מיט די אָקסן
און אַליין אויף פֿעלדער פֿאָרן,
דאָרטן אַקערן און זייען,
און געברויזט דעם שווייס זיך ווישן.
און מיין מאַמע וואָלט מיט הינער
און מיט גענז איר מיטאָג עסן.

איך וואָלט אויף די ווייטע פֿעלדער
מיט די יונגע שאָף זיך טרייבן
אין אַ קורצער, ברייטער קליידל,
פֿיס און אָרעמס פֿריי אַנטבלויזטע,
און מיין פֿרישטיק דאָרטן עסן
אויף אַ שטיין, אַרום די שאָף.
אוי, ווי וואָלט עס מיר געפֿעלן —
איך וואָלט קלינגען מיט מיין לאַכן!

און איך וואָלט צום מערב קוקן,
וואו עס גייט די זון אַרונטער,
און פֿון דער רויטער זון צעגאָסן

וואַלטן זיך די שאָף באַפאַרבן —
אַלע שעפעלעך, און איך אינמיטן,
מיט אַ ליכטיק־ראָזן פּנים.
וואָס איז שטאָט אַקעגן דערפער ?
ווי אַ קראַנקער צום געזונטן !

מיט אַזאַ שיינעם טאָג

מיט אַזאַ שיינעם טאָג האָט גאָט די וועלט באַגאָסן,
מיט אַזאַ פרילינגס דופט האָט אָפּגעענטפערט ערד.
ערב־יום־טובדיק איז פול אויף גאַס און מענטשן,
אויך יעדע חיהלע פוצט איר פעלכל אָפּ.

מיט אַזאַ יונגנט־לוסט בין איך היינט פול אינגאַנצן —
און עפּעס ווילט זיך מיר, איך ווייס אַליין ניט וואָס.
איז דאָך די בעסטע זאַך צו לויפן דורך די גאַסן
און יעדן אָנשמייכלען, און בעטלער געבן וואָס.

גיי איך דורך דער שטאָט. די שטאָט אין יונגער בליעכץ,
מיט אַזאַ הויך באַוויזט, ווי מיידלס ערשטע שולד —
מיט צאַרטער ציטערניש, מיט רויטלענדיקן פּנים,
און אין יונגן האַרץ איז אַזאַ פרייד באַוואוסט.

נאָר גאָר ניט ווייט פון שטאָט, בא אַ בוים, זיצט איינער,
פאַרשמירט, פאַרשוויצט אין זון, דורך שמאַטעס
קוקט אַרוים זיין לייב,
און לויזט די העמד פון זיך, און קוקט, אַז ס׳קומט ניט קיינער,
הענגט ער אויף זיין העמד און קראַצט זיין לייב אַרום.

ווי די יונגע האָזן מיט אויפגעשפּיצטע אויערן,
זיצן זיך די גאַסן און כאַפּן אויף דעם טאָג,
און טרינקען ליכט זיך אָן פון גרויסן גאָלדענעם אויבן,
און גיסן אָן דערמיט אין יעדן טונקעלן אָרט.

אַזוי ווי דאַנטע מיט ביאַטריסע

אַזוי ווי דאַנטע מיט ביאַטריסע —
נעם מיך פאַרן האַנט און פיר מיך.
איך וועל צומאַכן די אויגן
און וועל שמעקן דופט פון פרילינג.

ווייסט ניט ווי איך ליב די פעלדער,
ווען זיי ליגן ווייך נאָך רעגן,
האַלב אין ווינטער, האַלב אין פרילינג —
גרינע גראָז, מיט שוואַרצע פליכן.

און איך ליב דעם גרויען נעפּל,
וואָס די ערד קושט אַן די לופט
מיט אַ ריח פון פרישער תבואה,
און זי פאַדערט איר פאַרלאַנגען.

און עס וואַכן אויף געפילן,
עפּעס ווייַנענדיקע פריידן,
וואָס מען קען ניט רעכט באַגרייפן —
זאָל מען וויינען? זאָל מען לאַכן?

אַזוי ווי דאַנטע מיט ביאַטריסע —
נעם מיך פאַרן האַנט און פיר מיך.
איך וועל צומאַכן די אויגן
און וועל שמעקן דופט פון פרילינג.

הויף מיט געסלעך

הויף מיט געסלעך איינגעאָרעמט,
אַלע יום־טובדיק, באַפּרילינגט,
לאַכן, שטיפן אויסגעלאַסן,
שמעקן ערד און שלינגען הימל.

און עס דרייען זיך אויף דר׳ערד
הינט און פערד מיט מענטש צוזאַמען —
יעדער זוכט מיט הייסע אויגן
אין די גאַסן, אויף די פעלדער,

ערד אַזאַ, וואָס האָט קיין שטיינדלעך,
קוקן גרינע, פרישע אויגלעך,
זוכן הינדעלעך און גראַבען,
לויפן ענטעלעך זיך באָדן.

און אַלץ צוזאַמען אין די גאַסן
לאַכן, שטיפן אויסגעלאַסן.
אַלע יום־טובדיק, באַפּרילינגט,
שמעקן ערד און שלינגען הימל.

מיט די ערשטע פרילינגס ווינטן

מיט די ערשטע פרילינגס ווינטן
בין איך, אָרט, צו דיר געקומען —
אָרט פון זאַמד־בערגעלעך קליינע,
וואו איך האָב געטאַנצט, געזונגען.

ליגט איר דאָרטן זיך, ווי שטענדיק,
ווי די קי צו דר׳ערד געטוליעט,
אויף די קעפּ ווי גרינע היטלען,
און אַנדערע, ווי אָדלער־נעזער.

און איך שטיי — די האָר צעוואָרפן,
הענט צעשפּרייטע קעגן דניעפּער —
ווידער זע איך אייך אין פרילינג,
נייע פריידן, אַלטע ערטער.

איך האָב ליב אויפֿן פֿעלד די בהמות

איך האָב ליב אויפֿן פֿעלד די בהמות,
איך האָב ליב ווי זיי קייען די גראָזן,
און קוק צו מיט פֿריילעכע אויגן,
ווי זיי טראָגן די מילכיקע אייטערס.

איך האָב ליב אָט די פֿויערשע קינדער,
איך האָב ליב זייער איינפֿאַכע גרויסקייט.
זיי ראַמען פֿון פֿערד און פֿון חזיר
און לאַכן געזונט אין די וועלטן.

און אַלץ וואָס ס'לעבט פֿאַר זיין לעבן,
וואָס ווייסט ניט פֿון גרויסקייט דער גרויסער,
נאָר זיי זיינען קראַפֿט פֿון דעם אמת,
וואָס שפּיגלען נאָר אָפּ יענע קליינע.

איך ליב ניט אַליין זיך אין מענטשן,
איך ליב ניט קיין גרויע געדאַנקען.
איך ווייס, ווען איך מאַך גרוי דעם פֿרילינג,
ווער איך ניט פֿון פֿרילינג באַלויכטן.

אין צעבליטן מאָרגן

אין דעם קוים צעבליטן מאָרגן
לויף איך שטראַלנדיק אויף וועגן,
וואָס זיי ליגן איינגעאָרעמט
מיט די ווייטע גרינע פעלדער.

אויסגעשלאָפענע בהמות
טרייבן אום זיך, קוקן אָן מיך,
און מען רייסט די גראָז פון פעלדער,
און מען ברומט אַריין אין וועלטן.

און עס ענטפערן די זייטן,
וואו עס רויכערן זיך קוימענס —
ווידער־קולן אויף דעם ברומען
אין פרימאָרגן פון בהמות.

זיצט אַ פאַסטוך אויף אַ בערגל,
קייט מיט פולן מויל זיין פרישטיק.
אויפן קאָפּ אַ גרויסער שטרוי־הוט,
מיט צוויי באָרוועס שוואַרצע פיסלעך.

און איך רייץ זיך אין דעם מאָרגן
מיט אַלץ, וואָס קומט מיר נאָר אַנטקעגן.
איך בין לוסטיק, איך בין פריילעך
אויסן שטאָט אין פריען מאָרגן.

ס׳איז דאָ אַ זון און אַ רעגן

ס׳איז דאָ אַ זון און ס׳גייט אַ רעגן!
עס שפּילט דער טאָג זיך מיט די גאַסן.
און עס הויבן מיר די פּיס זיך —
גיי איך אום דורך גאַס און געסלעך.

ווייכע גרינע ערד צעוואָרעמט,
גאָלדענע וואַסערלעך געשוואָלן,
און עס באָדן זיך דאָרט ענטלעך,
די קאָלירן — ווי די בלומען.

שטייט אַ יינגל לעבן טייכל,
זיינען הויזעלעך צעריסן,
מיט צוויי ברוינע לאַנגע פיסלעך
און אַ רוט, וואָס פישט-אויף פישלעך.

קום איך צו אַ קליינעם שטעלכל,
מעלקט אַ פרוי איר ווייסע ציגל,
האַלט מיט פּיס אַ ברוינעם שעפל
און ציט פון אייטער ווייסע שטריפן.

ס׳איז דאָ אַ זון, און ס׳גייט אַ רעגן —
גרויסע קלאָרע וואַסער-פּערל.
לייכט די זון דורך זיי אויף וועגן —
גרינע, פרישע זומער-ערדן.

באַם ברונים

זינענדיק שטיי איך באַם ברונים
און קוק אין וואַסער אַראָפּ.
פון טיפן קרישטאָלענעם וואַסער
זע איך אַ מיידלשן קאָפּ.

אַ מיידל אַ בלייכע, ווי זילבער,
מיט דורשטיקע אויגן, וואָס בעטן,
צעענפּטע ליפּן, וואָס שמייכלען
און חלומען — קושן און גלעטן.

נו, מיידל, וואָס קוקסטו אין ברונים?
וואָס האָסטו פאַרקלערט זיך אין טיפן?
פון דאַנען וועט קיינער ניט קומען,
וואָס וועט דיך פאַרשטיין דיין פאַרלאַנגען.

אַ קאַלטער, קרישטאָלענער ברונים,
וואָס קען דיך מיט קאַלטקייט באַווייען —
דו, מיידל, אַנטלויף צו די שטראָמען,
אַנטלויף צו די שטראָמען פון לעבן!

דרייט די ערד זיך ווי אַ קנויל

דרייט די ערד זיך, ווי אַ קנויל,
און איך דריי זיך מיט מיט איר.
ווי באַשיכורט לויף איך אום
פון שטאָט צום וואַלד, פון וואַלד צום פעלד.
איך שפּיל מיט חיהלעך אַרום —
וואָס אַרט מיך וועלכע? — אַלץ פון ערד!
ליב איך דאָך די ערד אַזוי, אַזש פון ליבע בין איך ווילד.

ליג איך אויף אַ פלאַץ פון שטרוי —
בויך און פּנים צו דער ערד.
ליגט אַ בערגעלע מיט ערד צווישן קלעצער און עס זשומט.
קריך איך אויף די הענט און פיס
און הויב אָן מישן מיט אַ שטאָק.
פליען גאַר מוראַשקעס אָן, באַפאַלן מיך פון אומעטום.
צעביסן, קראַצנדיק אויף בלוט,
לויף איך מיר אין פעלד אַוועק.

שטייט אַ קליינע פּויער־הויז,
אַרומגעצאַמט מיט שטאַנגען האָלץ.
פול חזירים, ווילדע גענז —
אַ מוזיק פאַר דעם ברייטן פעלד.
קריך איך שטיל די שטאַנגען דורך
און זע, אַז קיינער איז ניטאָ.
וואַרף איך שטיינדלעך, איינס און צוויי —
הויבט זיך אָן אַ קריג פון ס׳נײַ.

איך זיץ אין וואַלד מיר אויף אַ בוים
און טראַכט — וואָס זאָל איך איצטער טאָן?
נאָר שאַ! עס קריכט דאָרט עפּעס אום...
עס גראַבט אַ קורמינקע די ערד
און זוכט, נאָר ווייס ניט וואָס עס זוכט.
איך וואַרף אײַנגאַנצן זיך אויף איר
און בינד איר איין אין טאַשנטוך.

איך לויף מיט איר אוועק צום טייך,
וואו ס'שפּילן קינדער מיט אַ הונט,
און לאָז די קורמינקע אַרויס.
לויפן אַלע קינדער נאָך.
הויבט זיך אָן אַ ווילד געשריי —
פאַרוואָס האָב איך זי פריי געלאָזט?
און איינס און צוויי — פון זיי אוועק,
און דריי זיך ווייטער מיט דער ערד.

איך בין יונג

איך בין יונג, איך בין שיין.
איך לויף אין פעלד אוועק אַליין,
פאַרביי הייזעלעך, ווי גענז,
וואָס בריען שטיל אין הייסן זאַמד.

פּיס און אָרעמס פריי אַנטבלויזט,
די האָר אין טיכל איינגעפּרעסט.
דעם גאָרטן דורך, אין וואַלד אַריין.
עס לויפט דער הונט מיט מיר צוגלייך.

מיר שפּילן זיך. איך זינג, ער בילט.
ער יאָגט די קי, דער פּאַסטוך שילט.
איך גיי, איך לויף. דער הימל שטראַלט,
מיט פרישע בלעטער שמעקט דער וואַלד.

צעאַקערט ליגט אַ ווייטע פעלד,
ווי גרויסע קוילן — שטיקער ערד.
מען גייט אַרום, מען זייט, מען זינגט.
עס שמעקט מיט פרישע ערד די לופט.

עס ווינקט מיין פּויערטע צו מיר.
איך לויף צו איר, דער הונט פאַר מיר.
מען גריסט פון אַלע זייטן מיך,
איך מיש מיט זיי זיך אויס און זינג.

אַ זומער-רעגן

עס מעלקט פון הימל זיך אַ רעגן,
ווי די דינע לאַנגע דראָטן,
און עס וואַשט די וועלט דעם קאָפּ אויס,
וואָס אַ שטויב האָט עס פאַרשאָטן.

און ער שפּילט זיך מאָדנע שפּילן —
גראָבט זיך גריבעלעך אין דר'ערד אויס
און פאַרגיסט זיי באַלד מיט וואַסער,
ביז זיי לויפן זיך אַריבער.

לויפן הינער אין געהעפּט אום,
קאָפּ און פליגעלעך געבויגן,
שטעלן זיך אונטערן פאָד-דאַך
און מען קוקט ניט אָן דעם רעגן.

לויפן איבער טאָנען וואַסער,
און פון דאַך — ווי פּערל שיטן..
ניין, ניט אַרן קען די שטאָט מיך —
זיץ איך מיט דער ציג אין שטעלכל.

און מיר ווערט עס אַזוי פריילעך —
ווילט זיך מיר אין רעגן לויפן,
און דעם קאָפּ זיך לאָזן וואַשן
און מיט פיס אין וואַסער פּאַטשן.

אין דאָרף

ווייסע צעפּ און ברוינע פּיס,
רויטע באַקן, פולע ברוסטן,
טאַנצן לעבן הויז אין גאַס,
ווי אַ סטאַדע יונגע גענז.

זיצט אויף דר'ערד אַ פּויער-זון,
אונטער זיך די פּיס פאַרדרייט,
וואַרפט דעם קאָפּ, דאַ הין, דאַ הער,
און שפּילט האַרמאָניקע, ערנסט, ווילד.

קומט פון וואו אַהער געזאַנג —
יונגער, שטאַרקער מענער-קול.
כאַפּן מיידלעך אונטער גלייך,
ערשטע, צווייטע — ווערט אַ כאָר.

און עס לאַקט פון אומעטום,
וואו די טאַכטער, וואו דעם זון.
ווייט אין דאָרף, אין זומער-לופט,
שמעקט די לופט מיט יוגנט-דופט.

באָם טייך

ווייסע לייבער, פולע ברוסטן,
בלאָנדע און שוואַרצע האָר צעוואָרפן.
ווי דימאַנטן וואַלטן פאַלן,
גלאַנצן קלאָרע וואַסער-טראָפּנס.

לויפן, פיבערן און לאַכן,
האַלטן מיט די הענט די ברוסטן,
און עס ציטערט אַלץ צוזאַמען,
שטאַמלען, קענען איצט ניט ריידן.

ווער אין העמד און ווער אין ליילעך,
ווער אין אַלע פאַרבן קליידער —
ווערן ווילד די זונען-שטראַלן,
וויקלען זיך אַרום אויף לייבער.

און דאָס וואַסער מורמלט עפּעס,
רופט צו זיך די פרויען-לייבער—
און עס מורמלט אַלץ צוזאַמען
עפּעס סודות, הייסע, שטאַרקע.

צו דיר האָב איך געוואָלט

צו דיר האָב איך געוואָלט. די נאַכט האָט מיר געהייסן.
זי האָט אויף מיר געאָטעמט מיט אַ מאָדנעם שטילן פלאַם.
איך האָב זיך איינגעהילט צו לויפן צו דיין צימער, —
נאָר איך בין געגאַנגען וואו זי האָט מיך געפירט.

צו דיר בין איך געגאַנגען. די נאַכט האָט מיך פאַרפירט,
מיר זשומענדיק אין אויער: „קום מיט מיר, מיין קינד.
דאָרט וואַקסן רויטע רויזן און דופטנדע נאַרציסן.
דו ברענגסט עס דיין געליבטן מתנות מיט פון מיר.”

איך האָב מיין היל צענומען פאַר דיר נאַרציסן רייסן.
די נאַכט האָט מיר מיט בלעטעלעך געקושט מיין הייסן לייב,
ביז איך בין אַ פאַרמאַטערטע צו איר אין שוים געפאַלן
און זי האָט שטילערהייט אין שלאָף מיך איינגעוויגט.

צו דיר האָב איך געוואָלט, צו דיר בין איך געגאַנגען,—
נאָר עס האָט די ווייסע נאַכט אינגאַנצן מיך פאַרנאַרט:
פון איר דיר רויזן ברענגען . . . מיך אין שוים פאַרשלעפערט...
און האָב איך שוין צו דיר געאיילט, האָט מיך
אַ שטראַל פאַרלאַכט.

רייטן מיר אַהיים

רייטן מיר אַהיים דורך פעלדער,
וואו מען שניידט די תבואה-זאַנגען.
קוקן אַרבעטער אַנטקעגן,
אין די הענט די בלאַנקע סערפּן.

מענער, פרויען — איינגעבויגן,
און זיי זינגען בײַ דער אַרבעט,
גריסן, רופנדיק אַריבער —
„עי! וואו האָסטו אַזאַ מיידל?!

שוין אין בערגעלעך געזאַמלט
ליגן ווייט די תבואה-גאַרבן,
וואָס מען שאַרט מיט הויכע גראַבליעס,
ווי אַ טאַנץ אין זונען-שטראַלן.

און מען טרינקט זיך צו פון קריגלעך
קלאָרע, קאַלטע קוואַלן-וואַסער.
ווייט און ברייט די גאָלדענע פעלדער,
אויסגעמישט מיט זינגען, לאַכן.

הויבט אָן אַ גלאָקן-קלאַנג זיך וויגן,
ווי די זון וואָלט זיך צעזונגען.
הויבן אַלע אָן צו לויפן
מיט געשרייען און מיט טומל.

בונטע טיכער אויף די פעלדער —
הויבט אָן דאָס פעלד פונסניי צו שמעקן
פון דעם הייסן פלייש און בולבעס
און פון אויבסטן אַלע סאָרטן.

ווערן אָפּגעפרישט די ליבעס,
ווערן נייע שוין געשאַפן —
הייסע אינגלעך, הייסע מיידלעך,
וואַלגערן זיך אום אין גראָזן.

איז אַ קוואַל אין פעלד געגראָבן
באַ אַ גרין־באַדעקטן הייזל,
קניט אַ אינגל מיט אַ מיידל
טרינקען וואַסער פון די הויפנס,

און מען קילט דעם ברוינעם פּנים.
לאָזט ער איר די צעפּ פאַנאַנדער,
וואַרפט זי זיך אין זיינע אָרעמס
און מיט אים — הינטערן בערגל.

און עס שמייכלט מיין באַגלייטער
מיט אַ זון אין זיינע אויגן.
שטילע גיבן מיר די הענט זיך
און רייטן צו די גרינע ווייטנס...

איך בין אַ שמעטערלינג

איך בין אַ שמעטערלינג, איך קען אין זון נאָר טאַנצן.
די קורצע זומער־צייט — דאָס איז מיין לעבנס־וועלט.
איך האָב צוויי ליכטע פליגעלעך פון
גרעלב־גאָלד־רויטע פאַרבן,
און יעדע בלום מאַכט אויף פאַר מיר איר האַרץ
צום נאַכט־געצעלט

איך בין אַ שמעטערלינג, איך ליב דעם טוי פון מאָרגן.
דער ערשטער זונען־שטראַל וועקט מיך צו אַ נייעם טאָג.
דאָן קוש איך אָן די בלומען, טרינק דעם טוי פון מאָרגן,
טאַנץ און שפרינג און פלי אַרום דעם גאַנצן טאָג.

איך בין אַ שמעטערלינג, מיך אַרט ניט לאַנג צו לעבן,
אַבי דאָס לעבנס צייט זאָל זיין דאָס לעבן ווערט.
און קומט אַ גרויער מאָרגן, פון האַרבסט דער קאַלטער אָטעם,
לייג איך אין די בלומען זיך, מיט זיי צו שטאַרבן גרייט.

איך בין אַ ציגעלע

איך בין אַליין אַ ציגעלע,
מיין קינד ליגט ניט אין וויגעלע,
איך האַנדל ניט, איך פאָר,
כ'בין דאָ און איך בין דאָ ניטאָ.

מיין מאַמעס יעדע לידעלע
זינג איך בא די וויגעלעך.
יעדעס קינד איז מיין,
נאָר איך אַליין בין קליין.

די ראָזינקעס, די מאַנדעלעך,
די זיסע צוקער־קאַנדעלעך —
דאָס בין איך אַלץ אַליין,
ווייל יעדער האָט מיך האָלט.

צום האַרבסטיקן פעלד

איך קום צו דיר, ליבער, שיינער פעלד,
איך בין היינט שטיל, איך בויג פאַר דיר מיין קאָפּ.
דו ביסט מיר איצט דאָס טייערסטע אין וועלט,
דו ביסט אייביק. און איך — איך בין נאָר מענטש.

איך וואָלט אויף דיר מיין מידן לייב אויסציען
און קושן דיך לאַנגזאַם, קוש נאָך קוש.
איך וואָלט דיר היינט אַזוי פיל וועלן זאָגן —
און זאָג קיין וואָרט, די ליפּן זיינען צו.

דו ביסט איצט שיין, ווי קיינמאָל ניט געוועזן,
ווי שיין אַ פעלד קען זיין באַם זון־פאַרגאַנג.
און איך בין שטיל און מיד, און ווייס ניט וואָס מיר פעלט...
אַ שטילער באַנג ליגט אויך אויף דיר צעשפּרייט.

טאַנצן וויל איך לעבן שפּיגל

טאַנצן וויל איך לעבן שפּיגל
און זיך דרייען ווי אַ שלאַנג.
אין מיין צימער זעט מיך קיינער —
איך קוק אויף זיך און הער מיין קלאַנג.

ווילד צעוואָרפן מיינע האָר,
באָרוועס, אין אַ דינער העמד,
מיט אַ ווייסן גרויסן שלייער
מאַך איך פליגלען פון די הענט.

און איך בויג מיך איין אין דרייען,
הויב זיך לאַנגזאַם אויף צוריק —
ווי אַ מלאך מיט די פליגלען,
גריסט פון שפּיגל מיך אַ בילד.

פון די אומעטיקע פענסטער
קריכן גרויע שאָטנס אָן,
און עס בויגן זיך די צווייגן,
ווי זיי וואָלטן אויך געטאַנצט.

שוועב איך שטיל אַרום אין צימער,
דריי זיך מיט די שאָטנס איין,
און אַלצדינג טאַנצט מיט מיר צוזאַמען
אַזאַ מאָדנעם טאַנץ פון האַרבסט.

איך בין אַרויס

איך בין אַרויס, ניט ווייסנדיק געגאַנגען.
דער שטורעם-ווינט האָט שלאָפן זיך געלייגט.
פון נאַסער ערד האָט זיך קיין שטרוי געהויבן,
נאָר ווייט און ברייט — די פעלדער, הימל, בערג.

איך בין אַוועק. די נאַכט איז צוגעפאַלן.
וואָלקנס האָבן זיך, ווי חיהלעך, צעשפרייט.
פון יעדן שאָרך, וואָס ס'האָט די וועלט געאָטעמט,
האָט זיך דאָס פעלד נאָר פריש אַ ריר געטאָן.

פון ערגעץ האָט אַ פרוי אַהער געוואַנדערט,
דאָס ברעג פון קלייד אין גאַרטל איינגעשטעקט,
די אויגן אין די ווייטקייטן פאַרקוקטע —
גערופן און געזוכט אַ פאַרלאָרן קאַלב.

די בלינדע וועלט איז שטום פאַר זיך געשטאַנען,
דעם בלינדן בליק צו דר'ערד געבויגט —
ניט ווייסנדיק צו וואָס זי איז געשאַפן,
ניט פרעגנדיק, צי וועט זי ווען פאַרגיין.

האַרבסט

(שרה האַמער דזשאַקלין געווידמעט)

באַרג און טאָל! באַרג און טאָל!
עס קומט צו אייך אַ גאַסט אַהער.
מאַך אויף דיין גרויסן טאָלן-שוים.
דו הערסט? עס רוישט! עס רוישט!
עס טאַנצט דער ווינט זיין ווילדן טאַנץ
אין ווייסער שיין פון גרויסער שטאָט.
ער שפרייט מיט פיס און הענט זיך אויס
און ברומט, און רוישט, און רוישט.

ער הויבט אויף בלעטער, זאַמד פון דער ערד
און שיקט עס אין דער לופט אַוועק,
כאַפּט אָן די צעפּ פון ווילדער שטאָט
און רייסט דעם געלן קראַנץ אַראָפּ,
און פּאַטשט די שויבן, ווי אין טאַץ,
און קריכט, און פאַלט אַראָפּ פון דאַך,
און ליגט, און בייסט אַרום די ערד,
און פליט מיט וואָלקן־בערג אַוועק.
עס טאַנצט דער ווינט אין ווילדן האַסט —
דו הערסט? עס רוישט! עס רוישט!

באַרג און טאָל, באַרג און טאָל!
הערסטו ווי דיך רופט מיין קול?
איך בין אַנטלאָפן פון מיין שטייג.
די נאַכט האָט דאָרט איר האַנט געלייגט
און האָט מיך בלינד מאַכן געוואָלט.
כ'האָב אין אַ טוך מיך איינגעהילט און בין ארוים.
דער ווינט איז מיך באַפאַלן גלייך,
ער האָט מיין טוך אַראָפּגעפליקט
און האָט אַנטבלויזט די פּלייצעס מיר,
אין לופט געריסן שטיקער האָר,
געפּאַטשט מיין פּנים רויט און בלוי,
און לויפט מיר נאָך אין ווילדן האַסט.
דו הערסט? עס רוישט! עס רוישט!

באַרג און טאָל, באַרג און טאָל!
איך בין שוין דאָ, באַהאַלט מיך נאָר.
איך בין דעם זומערס לעצטע קינד,
וואָס האָט דאָ מיך פאַרגעסן גאָר.
איך בין איינגאַנצן לייכט און דין,
לאָקן האָר — רויט ווי זון,
אַ ווייסע קלייד, ווי מאָרגן־טוי,
און אויגן, ווי דער הימל בלוי.

איך קום צו דיר, איך בין אַליין,
פאַרשיכורט ווי פון בעסטן וויין.

די ווילדע שטאָט אין ווייסן ליכט,
דער ווינט טאַנצט אין אַ דריידל זיך
און לויפט מיר נאָך, צעשפּרייט די הענט,
און וואַרפט אָן פינסטערניש, ווי ווענט.

באַרג און טאָל, באַרג און טאָל!
עס וואוינט מיין שוועסטער עכאָ דאָרט —
זי האָט מיר ניט געענטפערט נאָך.
האָט דער האַרבסט זי דאָרט דערשטיקט?
האָט די נאַכט דעם באַרג פאַרשטעלט?
איך ווייס ניט וואו — איך גיי און פלי.
עס טאַנצט נאָר אום דער ווינט מיט מיר,
ער האָט מיר שוין מיין לייב אַנטבלויזט.
באַרג און טאָל, באַרג און טאָל —
עס קומט קיין גאַסט צו אייך ניט מער...

נאַכט

מיט אָפענעם מויל, מיט פרעגנדיקע אויגן
האָט די נאַכט זיך פאַרטיפט,
דעם קאָפּ צו די קני צוגעבויגן,
די הענט אַרום נאַקן פאַרשלונגען.

אַ הונט האָט געבילט, אַ הונט האָט געענטפערט.
אויף לייכטינקע טריט איז דער ווינט דורכגעלאָפן,
געקוקט אויף די שויבן, פאַרטשעפּעט די צווייגן,
געכאַפּט וואָס פון דר'ערד און אַנטלאָפן געוואָרן.

אַ פערד איז געגאַנגען, דעם קאָפּ אומגעשאָקלט,
מיט אָפענע אויגן געקוקט אויף די וועגן,
געשלעפּט מיטן וואָגן, דעם פורמאַן פון אויבן,
געשטאָלפּערט אויף שטיינער, געוויגט ווי אַ וויגל.

די נאַכט איז געשלאָפן, דעם פּנים פאַרבאָרגן...
נאָר ערגעץ בא אַ וואַנט איז געשטאַנען אַ מאַן,
דער מאַנטל צעפליקט און מיט נאַקעטן האַרצן,
מיט אויגן פאַרטראַכט און געדעדט צו די וועלטן...

אויפן טיש די עלנבויגנס

אויפן טיש די עלנבויגנס,
ארום פנים פול מיט פינגער —
קוקן אין דער נאַכט די אויגן
דורכן פענסטער אין דער פינסטער.

שפּאַלט אַ בלאַסע שיין דעם וועג דורך
פון אַ פענסטער וואו אַנטקעגן,
און די שיין דאָרט ציטערט, וויגט זיך,
וועבט זיך איין אין בוימער-שאָטנס.

רעדערט דורך אַ ליידיקע דראָזשקע,
דרעמלען ביידע — פערד און קוטשער.
איילט ווער דורך, די הענט פאַרבאָרגן,
דעם קאָלנער הויך, און כאַפּט אַ ציטער.

הירזשעט דורך אַ פערד די שטילקייט,
וואָס ווערט אין ווייטנס וואו צערונען.
פאַלט אַ שטערן אויף זילבער-פאָדים
און ווערט אין שטילער נאַכט פאַרשוואונדן.

אויפן טיש די עלנבויגנס,
ארום פנים פול מיט פינגער —
פאַלן צו צוויי מידע אויגן
לעבן פענסטער אין דער פינסטער.

שטילקייט

איך האָב דיך פיינט, איך האָב דיך ליב —
איך ווייס אַליין ניט וואָס דאָס איז.
איך זוך דיך אויף, זיץ שטיל אין דיר
און הער זיך צו דיין יעדן ריר.
עס זשומט אַ פליג. ס׳ווערט ווידער שטיל...
עס קנאַקט אַ פינגער זיך בײַ מיר...
עס גייט דעם פענסטער ווער פאַרביי,
זשומט אַ ליד, און שווין, ניט מער...
ווייט בילט אַ הונט, פאַרשטומט צוריק.
אַ זייגער קלאַפּט — טיק... טיק... טיק..

אַליין די שטילקייט זשומט אַ ליד,
ווי אַ וועלט וואָלט זינקען שטיל
מיט סודות אָן אַ ברעג און צאָל,
וואָס זיי פאַרשטיין קען מען קיינמאָל
זיי רייצן מיך, איך ווער נאָר ווילד.
איך קריג זי פיינט, איך האָב זי ליב —
איך ריר קיין גליד און הער זיך צו,
נאָר ווייס ניט ווער און ווייס ניט וואו.
עס זשומט אַ שטיל, אַן עלנט ליד.
איך קריג זי פיינט, איך האָב זי ליב...

ווינטער

אַ שטיקל זון, ווי אַ גראַנאַטן פּערל,
קוקט אין ווינקל שויב דורך דעם דינעם אייז
און וואַרפט מיר אויפן בעט אַ קליינעם ראָזן בויגן.
דערינען שטייט געשריבן אַ גרוס פון ווייסן שניי.

איך ליג מיר שטיל אין בעט און גלעט דעם ראָזן בויגן,
וואָס צאַפּלט אויף מיין קאָלדרע און קריכט מיר
אויף די ברוסט.
פון ווייטנס טראָגט זיך צו דער סקריפּ פון גיין אויף שנייען,
אַזוי ווי טייבעלעך באַם פענסטער וואָלטן גאָרן.

פון דעם ווייסן אויוון לייכט אַ פלאַם אַ רויטער
און שמידט די פונקען גאָלד, וואָס שפּריצן מיט גערויש.
פון פענסטער שמעלצט אַלץ מער און מער דער אייז פון שויבן
און ווייזט צעשפּרייט אַ שטאָט, וואָס בלענדעט,
ווי קרישטאָל —
— — — — — — — — — —
ווייס ווי אַ טויב און שטאַרק ווי אַ לייב.
עס דרייען זיך, פרייען זיך גאַסן אין איר.
עס קנאַקן טריט פון פיסלעך און פון פיס,
ווי וויינטרויבן, ווען זיי ווערן צעדריקט.

און ווינטערדיקע מיידלעך, מיט פרישקייט פון יוגנט,
לויפן צום לעבן, דעם פראָסט קעגן פּנים,
מיט ביכער אין אָרעמס, מיט יינגלעך באַ זייטן.

און יינגלעך און מיידלעך, ווי גאַסן זיך בייטן,
לאַכן און שטיפן אַקעגן די ווינטן —
ווינטערדיקע שיינקייט און יוגנט געזונטקייט.

עפן, וועלט, דיינע אָרעמס

עפן, וועלט, דיינע אָרעמס פון ווייטקייט אָן אַ שיר,
מיט אַלטע צייט־רואינען, צעפאַלן און פאַרווישט,
מיט אומענדלעכער שיינקייט פון אַ ליכטיקן אַצינד,
מיט אומענדלעכער שיינקייט פאַר אַ צוקונפטיקן גליק.

איך בין אַליין. מיר דאַכט, איך האָב קיין נאָמען.
מיך האָט די צייט געשאַפן פאַר אייביקייט פון וועלט.
איך ליב דיך, וועלט! מיך פירן אום די צייטן
פון האַנט צו האַנט, פון וועג צו וועג, און לאָזן מיך אַליין.

אַליין צו דיר! מיט בענקשאַפט אין מיין האַרצן
גיי איך אום אויף וועגן צו דיין גרויסער ליכט.
ווי איך ליב דיך, וועלט! דיין יעדעם גליד איז גרויסקייט,
און גרוים ווער איך אין דיר, ווייל דו געהערסט צו מיר!

אויף ליטווישער ערד

- גאָרזד
- קאָוונע
- קאָטשערגינע
- קודראַנאַ



דער מאַרק-פּלאַץ אין מיין שטעטל, איידער זי האָט זיך איבערגעבויט
נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה

אַ קינדעלע ביסטו, מײַן ליטווישע היים

אַ קינדעלע ביסטו, מײַן ליטווישע היים,
מיט אויגעלעך ברוינע און הערעלעך ווײַס,
וואָס קוקט זיך פֿאַרקלערט אויף דער נאַכטיקער ערד
און פֿרעגט בא דער מאַמען: „שלאָפֿן שטײנדעלעך אויך?
שלאָפֿן שטײנדעלעך אויך? טאָ וואָס טרעט מען אויף זיי?

אַ קינדעלע ביסטו, מײַן ליטווישע היים,
וואָס שטייט בא דער מיניע, אין הענטל אַ שטיין,
די הערלעך אין לופֿטן צעטראָגן פֿון ווינט,
די באָרוועסע פֿיסלעך צעבאַקט פֿון דער זון,
און צילט אויף דער צווייטער זייט מיניע דעם שטיין.
נאָר לאַכט זיך פֿאַנאַנדער מיט זיך אַליין —
אַ קינדעלע ביסטו, מײַן ליטווישע היים.

אַ טייל פֿון אַ גרויסער גאַס אין מײַן שטעטל נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה

דעם ערשטן טראָט

דעם ערשטן טראָט איך האָב צוריקגעשטעלט
אויף דיין ערד,
האָב איך געמערקט
אין קליינעם צייכן פון מיין פוס-טראָט
אויף דיין בלאָטיקדיקער מערצן-ערד
האָט זיך אַ וואַסערל געקווועלט.
און ליכטיק האָט אַריינגעקוקט דערין די זון,
און ס׳האָט אַ קוועל געטאָן אין האַרץ אַ פרייד.

אויב ס׳איז דאָ אַ ליבע פאַר אַ היים,
אויב ס׳איז דאָ אַ בענקשאַפט אין דער פרעמד —
שטרעק איך אויס די הענט אַקעגן שמעלצנדיקן שניי,
און דורך אַ לאַך, און דורך אַ טרער
זינג איך אויס מיין פרייד
פאַר דיר, מיין קליינע בלאָטיקדיקע היים.

— — — — — — — — — —

איך וויים,
און בין אַ טומלדיקע, ווילדע קינד —
ווי אַ שטורעם-ווינט, וואָס לויפט די וועלט אַרום,
נאָר שלאָגט אָפּ פון זיך איר גרויען צער.

איך בין אַ קינד פון קליינער גאַרזדער היים,
אָנגעטרונקען מיט די שטראַלן פון איר זון,
כוחות אָנגעפולט פון איר לופט,
און מיין פרייד — פון אירע געסעלעך געקווועלט.
נאָר איינטיילן מיט זיי קען איך אַ גאַנצע וועלט.

איך בלי אויף יעדעם מאָל, ווען נאָר דער פרילינג קומט.
פעלדער, וועלדער וויית און ברייט — זיי זיינען מיין רו.

איך ווייס אַליין ניט

איך ווייס אַליין ניט ווער איך בין.
איך זע מיין מאַמען, ווי זי קרעכצט און ליידט,
מיט אויגן, ווי די זון וואָס וויל פון וואָלקנס זיין באַפרייט.
און איך בין פלייש און בלוט פון איר,
און קען ניט אויסטראָגן איר זינגענדיקן קרעכץ.

נאָר וואו מיין אויג דערזעט
אַ שטיקעלע פון גרינער ערד,
ווער איך ווי אַ טראָפּן טוי,
וואָס שאָקלט פון אַ צווייגעלע זיך אָפּ
און ווערט צעגאַנגען אויף דער ערד.

און גוט איז מיר אַזוי
אויף בערג צו זינגען אין די זוניקע טעג,
וואָס זיי צופוסנס צאַפּלט זיך דער טייך
און צוקאָפּנס גלעט דער הימל, ווי אַ ראָזע האַנט,
און ס'ווילט זיך זינגען, לאַכן מיטן ווידער־קול —
איך ווייס אַליין ניט ווער איך בין...

און ווער איך זאָל ניט זיין

און ווער איך זאָל ניט זיין, —
סיי פון שווערע, הונגעריקע טעג,
סיי פון גרויע, טרויעריקע נעכט, —
וואָס זייט איר אַלע איצט
אַקעגן ליכט פון ראָזעווען באַגינען,
אַקעגן פעלד מיט רויטע און געלע פוטער-בלומען,
אַקעגן ווינטעלע, וואָס זשומט אַרום?
ווער איך זאָל ניט זיין —
פיל איך אַזאַ ווייַנענדיקע פרייד,
פיל איך ווי אַ פּראָש, וואָס זינגט אין בלויע נעכט,
פיל איך ווי די גראָז, נאָך רעגן, ווערט דערפרישט.
און ווען דער ווינט צעוואַרפט זיך אויפן פעלד,
און יאָגט פאַנאַנדער דופטן אין דער לופט, —
ווער איך זאָל ניט זיין, —
גיב איך, ערד, אויף דיר אַ וואָרף מיין יונגן לייב,
זינג איך פאַר דיר אוים מיין שטאַרקסטע ליבעס-פרייד.
קיין זאַך בין איך ניט אַליין,
נאָר אַלצדינג בין איך זייענדיק מיט דיר.

מיט דיר

מיט דיר, —
אויף מיינע אומגייענדיקע זומער־נעכט,
דורך הויכע קאָרן־פעלדער, איבער שמאָלע שטעגן,
וואָס ליגן אין אַ זילבער־גרויען טוי,
און קוים נאָר זעען זיך די זאַנגען־קעפּ,
ווי בינען טויזנטער וואָלטן לאַנגזאַם זיך באַוועגט.

אויף אַ ברייטן פעלד שטייט די ווינט־מיל
מיט צעשפּרייטע הענט,
ווי עפּעס וואָלט זיך אָט דער ריז
פּרובירט פאַרפליען פון דער ערד.
און גאָרניט זיך באַוועגט...
און קיין זאַך שלאָפט ניט איין...

גייענדיק אויף דיינע פעלדער־וועגן,
בין איך נאָר אַליין.
לייכט פון שטיבעלעך דורך פענסטערלעך אַ שיין.
ציען קורצע מויער־ווענט דעם הויפיש וועג פאַרביי.
און איך גיי און גיי
דורך ווייסע נעכט. בוימער זשומען קוים.
ניט שטערט...
און גאָרניט זיך באַוועגט,
און קיין זאַך שלאָפט ניט איין.
מיט דיר, אויף דיינע פעלדער־וועגן,
בין איך נאָר אַליין...

אַ רייפער ווייַנטרויבל

ווי אַ רייפער ווייַנטרויב אויף אַ צווייַגעלע באַגינען,
אַזוי וויגט זיך אַ מאָרגן אויפן שוים פון דער ערד —
צעשפּרייט און צעלאָזט זיך צעגאָסענער זילבער
אויף וועגן און שטעגן מיט שטיינדלעך געוועבט.

עס שפּילט זיך די גאָלדענע זון אין אַ טייכל,
ווי אַ קרישטאָלענע שיסל מיט אַ רויטן רובין.
און ווייסינקע וואָלקנדלעך שוועבן אין הימל,
ווי שעפּסלעך, וואָס זייַנען צעשפּרייט אויפן פעלד.

די דעכער באַשאָטן מיט ליכטיקע פלעקן,
די פענסטער פאַרצויגן מיט ראָזלעכן שייַן.
און לאַנגזאַם פאַרמערן זיך מענטשן אין געסלעך,
מיט פערד און מיט וואָגן, מיט פּרוכט און מיט היי.

אויף אַ בערגעלע זאַמד זיצט אַ הון זיך צעבלאָזן
און פאַרקעט מיט פּיסלעך, די פליגלען צעשפּרייט.
אַן אַלטיטשקע, הוסטנדיק, קומט פון אַ הייזל,—
די הון לויפט אַוועק, און זי הויבט אויף אַן איי.

איך וועל שטיל זיין ווי דו

ניין, איך וועל שטיל זיין, ווי דו,
בא דיין איצטיקן רוען אין פלאַנטער פון שאָטנס־געפלעכט.
עכט ביסטו, שטעטעלע גאָרזד!
מיט די לאַנג־אויסגעצויגענע געסלעך,
מיט הייזלעך באַזעצט,
וואָס זיינען פאַרעלטערט, געבויגן די קעפּ.
די פענסטער מיט פאָרהענגלעך ווייסע,
ווי ברעמען, פאַרדעקט.
מיט גאַניקלעך קליין,
ווי קינדער, געטוליעט צו מוטערלעך לייב.
אַריבער דעם שטעטל אַ הימל צעשפּרייט ליגט אין בלוי,
מיט שופן קרישטאָלענע פול.
מער ניט, אַ הונט גיט אַ ביל...
ווייל זעלטן ווען שטערט אַ גייער די נאַכטיקע רו.
איך וועל שטיל זיין, ווי דו...

דו ביסט פאַר מיר דאָ

איך קען איצט ניט טראַכטן, צי ביסטו געווען,
צי וועסט פאַר מיר זיין —
דו ביסט פאַר מיר דאָ!
און איך פיל דיך, ווי ערד פילט די וואַרעמע זון.

טייער פאַר מיר איז דיין יעדערער ריר.
דו ביסט פאַר מיין אויפשטיין די מאָרגיקע זון,
וואָס שטייגט פון די פעלדער און לאַכט אויף מיין שויב
און טוט אָן דער שטעטל אַ גאָלדענע הויב.
די שטיבעלעך זיצן, ווי העזעלעך קליין,
אין אויגעלעך זוניקע שיין,
און קוקן אויף שטיינדלעך, ווי זאַנגען געשפיצט,
ווי קנאָספּן, וואָס דאַרפן צעבליען.
אַזוי טייער און ליב איז דיין יעדערער רוף,
וואָס הערט זיך דורך לופט,
פון אַ דינעם, שטילן געזאַנג.
און לאַנג
ציט זיך דערנאָך דער זילבערנער שטויב
פון בהמות, וואָס גייען אין פעלד.
כ'קען קיינמאָל ניט טראַכטן, צי וועסט פאַר מיר זיין —
דו ביסט פאַר מיר דאָ!

און נאָך אַ בלאַסע

און נאָך אַ בלאַסע, מיט אַ שטילער פרייד,
איך שטיי,
און קוק דיך, קליינע וועלטל, אָן.
מיין בענקשאַפט שוועבט אויף דיר אַרום
אומעטום, וואו ס׳נעמט מיין אויג אַרום.

מענטשן פון מיין קליינער היים
גייען מיט פאַמעלעכדיקע טריט
צו זעצן זיך
אויף בריקלעך, גאַניקלעך און בענק.

ווען עס קומט אַ ווינטעלע אַרויף
און ווייעט, ווי פליגעלעך אַ פאַרנאַכט אָן —
טראָגט זיך, ווי אַ זילבער־הויך, דורך געסעלעך אַרום,
שפּרייט זיך איבער הייזעלעך אַרויף,
ציט עס אין די הויפעלעך זיך אוים.

זעצן הינער זיך צו שלאָפן פאַר אַ נאַכט
און שטעקן אין די פליגעלעך די קעפּ...
פון פעלדער קומען די בהמות זיך צו גיין,
צעברומען זיך אַ יעדע פאַר איר טיר...
און אָוונט טונקלט, טונקלט, ביז עס ווערט אין רו פאַרשטילט.

קום איך צו דעם ברייטן פעלד צו גיין,
קוק איך אויף מיין בענקשאַפט,
וואָס ליגט דאָרט אויסגעשפּרייט,
און גרינע וועלדער, גרויע שטעגן
היטן פון דער ווייט און ברייט.

געוויטער

שלעפּט עס זיך, דאָס וועגל מיטן פערד,
אויף אויסגעפּאָרענעם און גריבערדיקן וועג.
פון איין זייט וואַלד, פון איין זייט פעלד.
אַ הימל, אָנגעלאָדענער מיט בלויע בערג,
יאָגט אַ שטורעם אָן אין ווילדן האַסט —
און זיי שטויסן זיך צונויף.

עס גיט אַ פייערדיקע בייטש אַ פאַל
און שפּאַלט זיי אויף.
עס כאַפּט די נאַכט אַרום אַ גרעלע ליכט —
און שיט צוריק מיט פינסטערניש אַרום.

עס טוט אַ ברום, אַ פאַל, ווי קלעצער ריזיקע
וואַלטן צו דער ערד אַראָפּ.
דער שטורעם גיט אויף בוימער זיך אַ וואָרף,
בויגט זיי איין די קעפּ,
און לויפט, ווי אַ צעדולטער, דורך דער ווייטער וועלט.

דער הימל האָט צעפּלייצט זיך אין אַ ים.
טראָפּנס גרויסע, האַסטיקע, וואַרפן זיך צו דר׳ערד,
פאַרגיסנדיק די וועלט.
דער פורמאַן זיצט אין שרעק צונויפגעדרייט,
אַ מאַנטל אויפן קאָפּ, און מורמלט אַ געבעט...

עס שלעפּט זיך קוים דער פערד.
פון ווייטן שפּינדלען זיך שוין ליכטעלעך פון שטאָט.
עס קלאַפּן רעדער מיט די שטיינדלעך זיך צונויף —
הייזלעך רעכטס און הייזלעך לינקס.

עס בילט אַ הונט, עס רופט אַ צווייטער זיך אַרויס...
און אָט דאָס איז מיין היים,
און אָט דאָ שטייט מיין הויז!

אַ פרייד באַפאַלט.
איך גיב אַ שריי אַרויס — מאַמע!

עס כאַפּט אַוועק מיין גרום דער פליענדיקער ווינט
און טראָגט עס דורך די שטעטעלעך אַרום.

עס עפנט זיך אַ טיר,
אין ווייסן העמד קוקט אימיצער אַרויס
און שרייט אַריין אין הויז —
אַ גאַסט! אַ גאַסט!

קאַטשערגינע

דו, מיט דיין ליכטיגן ווייט און ברייט,
מיט דעם גרינעם באַפליגלטן וואַלד.
וואָס זשומט, ווי אַ קינד בא דער מוטערס ברוסט.
וועגן און שטעגן, ווי שטראַלן, וואָס קומען פון דער זון.

באַהייזערט מיט בודקעס, ווי געלינקע קי,
וואָס ליגן אויף די קני
און ברוינען זיך טעג דורך אין זון.
אָפט אין דער נאַכט טראָגט זיך אַ בענקענדיק לידל פון וואו,
ווי די בענקשאַפט פון דעם גרינעם אַרום...

דער ניעמאַן אַ שטילער, אַ גלעזערנער וועג,
אַריבער אים ליגן די בערג,
אַזוי ווי אַ לייב מיט אַ שאָף צוגעדריקט —
די אייביקע היטערס פון אים.

הינטער די בערג לאָזט אַראָפּ זיך די זון,
ווי אַ רויטער מאָן-בלום,
צעוואַקסן אויף בלויען האָריזאָנט.
פאַרחלומטע ווייט און ברייט...
עמיצער זיצט האַלב-נאַקעט באַם טייך
און קוקט אַ פאַרטראַכטע אין הויך.

אַ נאַכט אַזאַ בלוילעכע לאָזט זיך אַראָפּ.
אַ מידעם קינד בויגט צום שלאָפן זיין קאָפּ.
עס חלומען פעלדער אַ חלום פון זעט —
אַ זאַנג צו אַ זאַנג צוגעדריקט.

און ס׳דאַכט זיך — עס וואַקסן אוים מיידלעך פון זיי,
אין זילבערנע טולן געהילט,
און לאָזן אַוועק זיך באַם ניעמאַן אַ טאַנץ,
מיט בלומען באַקראַנצט,
און פילן די לופט אָן מיט דינעם געזאַנג.

עס ענטפערט די הויך, די ווייט און די ברייט.
עס זינגען די וועלדער, די פעלדער און בערג.
אָ, דו וואונדערלעך קאַטשערגינער ערד!

טריט אין טריט

טריט אין טריט איך גיי —
גיי, און קוק אויף יעדער זאַך זיך אום.
יעדן בלימל שמעק איך אָן. ווי קען איך אַנדערש טאָן?
דו ביסט דאָך פאָרט מיין קליינע שטילע היים.
און ניט דערפאַר האָב איך נאָך דיר געבענקט,
ווייל דו ביסט ליכטיק־שענערער פון אומעטום.
ביסט נאָר די בלום,
וואָס מיט דיין דופט
איז פול מיין יעדעם גליד.

בא דער שוועל פון מיין הויז

בא דער שוועל פון מיין הויז
ליגן וועגן אין ווייטקייט צעשפּרייט —
אַביסל אין שרעג,
איינע פון מעמעל, די צווייטע פון קרעטינגער וועג.
צווישן די וועגן שטייט די שטוב, וואו איך וואוין —
געמאָלן אין ברוין,
אַ גאַניק פון גלאָז
און יורגינען צעבליטע באַם הויז.

הייזער, וואָס שטייען אין שורות געבויט,
ציען אַביסל זיך באַרג אַראָפּ,
די דעכער מיט שינדלען באַדעקט
און וואו-ניט-וואו באַוואַקסן מיט מאָך.

פורן, באַלאָדן מיט היי, פאָרן דורך
און פילן אָן דאָס שטעטל מיט הייען־גערוך.
אַזוי פריש, אַזוי גוט!
קינדערלעך לויפן מיט באָרוועסע פיס
און שפּילן זיך אַלערליי שפּילן.

ווייט פון דעם לאָוגאַלער פעלד
נעענטערט צום שטעטל די זון,
אַ געשפּאַנטע מיט רויטקייט אַרום,
און ציט זיך פאַמעלעך —
אַ גאָלדענע פייגלשע נעסט.

בא דער שוועל פון מיין הויז
זע איך וועגן, וואָס פירן אין וועלט.



א גאס פון מיין היים-שטעטל און אירע איינוואוינער, נאָך דער ערשטער מלחמה

אויף קאַנאַדער ערד

☆ מאָנטרעאל

☆ טאָראָנטאָ

מיט דער שיף „אַנטאָניע"

ווי באַזילבערטע גלאָז, מיט טיפֿע ווייכע קנייטשן
לויפֿט דער ים פֿאַרביי די פֿענסטערלעך.
אין גרויסן זאַל איז שטיל, ווי אַ פֿאַרלאָזטער טעמפּל.
אַלץ איז ווי אַ מעשהלע אין פֿאַרבן אויסגעמאָלט.

אַ קינסטלעכער קאַמין, מיט גאָלד-צעגליטע קוילן,
ניט ברענט עס אָן, ניט ברענט עס קיינמאָל אויס.
און אונטן רוישט די שווימענדיקע „אַנטאָניע"
און שאָקלט זיך — אויף לעבן, טויט אַ קאַמף.

און רעגעלעך, ווי בינען גאָלדענע פֿאַרזשומען.
דער זילבער ווערט אין ים מיט גרוי פֿאַרמישט.
וועלן הויבן זיך אין קריג אַקעגן שטורעם
און אין שרעק צעשאָקלט זיך די שיף.

מער נאָך נעפּלהאַפּט ווערן די געדאַנקען —
ווייט און טיף, ניט-זיין און אייביקייט...
מיט אַלץ, דורך אַלץ שווימט אום דאָס ביסל דאָ-זיין,
דורך אַלץ, פֿון אַלץ ווערט זיין — צונישט צוריק...

אומעט

עפּעס אומעטיק און קאַלט...
סתם געזעסן, סתם געטראַכט,
צום פענסטער נאָר אַזוי געקוקט,
ווי עס פאַלט אַראָפּ די נאַכט —
און געטראַכט אין דער נאַכט...

ווערט אין הארצן שווער, ווי בליי —
אַלץ געווען, אַלץ פאַרביי...
דאָרט, אַמאָל, מיט זאַמד געשפּילט זיך.
דאָ אמאָל — דער מאַמעס וויג-ליד
קלינגט מיר נאָך איר שטילער ניגון —

פון אַ פערדל מיט אַ וועגל,
ווי עס פאָרט אויף אים אַ ייִנגל
און געזעגנט זיך פון אַלעם...
אויך, ווי איצט, די נאַכט געפאַלן
מיט אַ זשומען בא די פענסטער —

און מיט טרערעלעך אויף שויבן.
זיסע קלאַנגען — אַלץ פאַרקלונגען,
וואו געווען און וואו געגאַנגען,
ווי דער אָדלער צו די הימלען,
הויך דער קאָפּ און ווייט די פליגלען —

און גערוט אויף הויכע בערג,
און געטאַנצט אין זונען-טעג,
ווי אַ ווילד ציגיינער-מיידל
איבער ווייטע, ווייטע וועגן.
אַלץ געווען און אַלץ פאַרגאַנגען...

כ'זיץ באַם פענסטער זיך פאַרטראַכט —
אַזוי אומעטיק און קאַלט —
און קוק נאָר סתם אין וועלט אַריין,
ווי שוין אויסגעשפּרייט ליגט נאַכט.

טעג

טעג צעשווימען זיך,
ווי שוואַנען ווייס, מיט גאָלד געשפּריצט,
אויף זילבער־קלאָרן טייך,
און שורותווייז אַזוי
פאַרגייען זיי
צו טונקלקייט פון נאַכט,
צו שטילער אייביקייט.
איך קום מיט אייך,
איך גיי מיט אייך.
איך לעב־מיט אַלע פרייד און לייד
מיט אייך.

פאַרנאַכט

אויף לאַנקעס צאַפּלען זיך
די לעצטע רגעלעך פון טאָג,
די אָנהויב-רגעלעך פון קומענדיק פאַרנאַכט.
אַ שפּיל ווי דאָמינאָ — ווייסע ביינדעלעך און שוואַרץ.
אַ שפּיל פון גרעזעלעך, וואָס לייכטן אויף און ווערן בלאַס.

די ווייט און ברייט ווערט איינגעצויגן, קלענער.
אַ גרויסער באַרג בלייבט הענגען, ווי אַ וואָלקן-קנויל.
און שטילע רייד, פון ווייטקייטן פאַרשלונגען,
קומען מיט די ווייטקייטן אַרויף.

און ס'איז גוט אַזוי צו זיצן מיט פאַרמאַכטע אויגן
און פילן ווי אַ וועלט גייט אויף אין זיך אַליין,
און פילן, ווי די רייד ווערן ווידער וואו פאַרטראָגן
און עפּעס בלייבט אין זיך אַזאַ שטילער צער.

און שטום, פאַר זיך, מיט טונקלקייט פאַרגאָסן,
בלייבן מיר אַליין, די וועלט און איך —
אַזוי ווי בלאַסע, ציטערדיקע ליפּן
וואָלטן געמורמלט אַזאַ היים געבעט
פאַר די ווייט-אָוועקגעשוועבטע רייד.

איך וואַרט אויף אַרבעט

ווי אָפּט איך שטיי אַזוי באַם ראַנד פון נאַכט
און וואַרט אויף נייעם טאָג,
און קוק אַרויף צו דער מויער־וואַנט,
צום זעקסטן שטאָק —
עס ליגט די גאַס אין ברייט און גרוים,
געפּענטעט נאָך מיט נאַכט,
און אין די פענטעס שטיי איך, ווי אַ פליג אין שפּין־געוועב.

איך וואַרט, און ס׳דאַכט זיך, אַז די וועלט
וואַרט אומעטיק, ווי איך,
עס זאָל אין פענסטער פון פאַבריקן
אויפלייכטן מיט ליכט.
שוידערט דורך מיין לייב.
דער קאַלטער ווינט פון טיפן האַרבסט
עס האָט פון זומער ניט פאַרביטן זיך
מיין דין באַקלייד.

אין האַרצן נאַגט אַ שטילער צער,
וואָס טראָגט זיך צו מיין הויז —
אַ צימער אויף דעם צווייטן שטאָק,
פאַרשאָטנטער, און קאַלט.
איך לאָז אַן איינזאַמען מיין קינד
אויף אייגענעם באַראָט.
צי ווײנט ער דאָרט? צי שלאָפט ער נאָך?
איך היט דעם זעקסטן שטאָק . . .

האַרבסטיקע מאָרגנס

אין האַרבסטיקע מאָרגנס, בא טונקעלע הימלען,
ווען עס קלינגט אוים דער זייגער פאַר אויפשטיין די שעה,
מיין שמאָלער גוף הויבט זיך אָן צו באַוועגן...
דער חושך פון נאַכט הענגט ווי בליי אויף די ברעמען.

מיין קינד שלאָפט, מיט טונקלקייט פאַרטוליעט.
איך וויל איצט ניט צינדן קיין ליכט.
זיין פנימל לייכט, ווי אין הימל אַ שטערן,
און שאָטנס פון שטייגנדער העלקייט קריכן
אַ קוש אים צו געבן.

איך שטיי בא זיין בעט, שטיל, אַליין ווי אַ שאָטן,
און שטרעק אוים מיין האַנט, בלאַס, מיד.
מיין יעדער פינגער בעט זיך נאָך שלאָפן.
איך באַריר מיט זיי מיין יינגעלעס קעפל,
טו אַ קוש מיינע פינגער, וואָס האָבן זיין שלאָף
ניט צעריסן.

אַזוי בלײַב איך שטײן

אַזוי בלײַב איך טאָג־אײַן־טאָג שטײן,
אַ פרעמדע געשטאַלט בא מײַן אײגענער טיר.
ס׳איז אַזוי גרוים מײַן צער — לאָזן מײַן שלאָפנדיק קינד
צווישן פיר שמאָלינקע ווענט.
ער כאַפּט זיך אויף און רופט צו מיר
פול מיט שרעק.
פון עפּעס אַ טיר ענטפערט אַ פאַרשלאָפן שטים:
— שלאָף!

מײַן קינד וואַנדערט אום אין גרויען באַגינען
אין ליידיקער שטוב,
וויינט און רופט,
ביז אַלע שטייען אויף.

שניי מיט רעגן

שניי מיט רעגן יאָגט דער ווינט אויף די פענסטער.
איך הילע מיך איין אין אַ טוך —
דער שלאָף האָט זיין אָטעם געלאָזן אין מיר.
די ווענט פון קליינעם פּאַרבויטן געהעפט
שטייען שוואַרץ און שטום,
ווי דער צער פון מיין געמיט,
ווי די גאַנצע וועלט בא דער מינוט.

עס ווילט זיך ליגן נאָך באַם זייט פון קינד
און חלומען פון גליק.

אַ רויטער גראַנאַט

נאָך אַזוי פיל עלנטע, גרויע פרימאָרגנס
האָט מיך באַגעגנט אַ שטיקעלע פרייד —
אַזוי קליין, אַזוי רויט — אַ שפּליטער גראַנאַט.
האָט אין הויך עס געוואַנדערט, ווי איך אויף מיין
איינזאַמען וועג.

די וועלט איז געלעגן אין שנייאיקן זיידנס פאַרדעקט —
אַ כלה, וואָס האָט זיך פאַרפּוצט צו איר חתונה-טאָג.
דאָס שטיקעלע זון, אַריבער דער ווייסקייט פון וועלט,
האָט מיט פינגערלעך ראָזע דעם גאָלדענעם שלייער געוועבט.

און ס'איז גוט אַזוי גיין און מעסטן דעם אייגענעם טראָט,
זיך פילן אַליין ווי אַ שפּליטער פון רויטן גראַנאַט.
אַזוי ווי דער שפּליטער דערגייט צו אַ לייכטנדיק קראַפט,
קומט אַזאַ פרייד, וואָס לויטערט אין מיר אויס די נאַכט.

אין פאַבריק

איך קוק אויף פענסטער פון פאַבריק,
וואָס ליגט מיט גרויע שטויבעלעך באַדעקט
פון יאָרן ווײ און יאָרן גליק,
פון יוגנט טומלדיק,
פון מאָרגן-ליכט און זון-פאַרגאַנג.
דאָס זײַנען שטויבעלעך געבליבן —
אַשיק-גרוי, און דין, און ליגן שרעקנדיק.

די שטאָט ליגט ריזיק, וואונדערלעך,
און רופט מיט ליכט און פרייד.
נאָר צו דיק איז די וואַנט, און רוישיק אין פאַבריק.
אין אָפּרו-שעהן חלום איך,
ווי שטויבעלעך אויף שויב,
און הער זיך צו צו זיך אַליין,
מיין אומרו, און מיין קאַמף.
די בענקשאַפט מײַנע ווײַנט אַרוים
באַם רוישן פון מאַשין,
די בענקשאַפט נאָך מײַן קליינעם קינד
באַם פרעמדן שוועל אָן מיר.
און שטויבעלעך, וואָס ליגן אויפן פענסטער-שויב באַדעקט,
ציטערן, אַזוי ווי איך, באַם רויש פון דער מאַשין.

אַ שנייאיקער באַגינען

דער שנייאיקער באַגינען
שלייכט זיך צוזאַמען מיט מיר,
מיט די וואָלקנס אויפן הימל.
מיר האָבן איצט איין וועג,
איין גאַנג,
גרוי, בלאַס.

ס'איז אומעטיק גיין אַליין
דורכן שנייאיקן פעלד.
דער באַרג ליגט פאַרהילט,
פאַרדעקט מיט נעפלען, ווי טול,
ווי אַ ווייסער פליישיקער קני,
וועמענס קאָפּ ליגט געבויגן אַוואו...

און ווייט, ווייט, הינטערן באַרג,
הינטער וועגן,
הינטער ימען
ליגט מיין קליינינקע היים,
אין שנייאיקן ווייס —
און בענקט...

דער מאָרגן

דער מאָרגן האָט מיט בענקשאַפט בלויער
זיך געפּולט.
אַ בלאַסע קוועלט די זון
איבער דעכער פון סעינט קעטרין און בלורי.

אין מיר איז שטיל.
מיין וועג איז יום-טובדיק מיר היינט.
דער צער אין מיר
פאַרשטומט.

די טריט מיינע בלייבן היינט
ניט אַזוי טיף אין גרויען שניי,
און ערטערוויז איז נאַס
און בלאָטיקדיק די ערד.

ס'וועט זיין אַן אָנהויב
פון אַ פרילינגדיקן טאָג,
און שפּילן וועט זיך יעדעס קינד
מיט פרייד אין זונענשיין.

מיין קינד וועט שטיין באַם פענסטער
שטיל, פאַרטראַכט,
אַ הונגעריקער וואַרטן
אויף מיין קומען פון פאַבריק.

אַזוי שטייט היינט פאַר מיר אַ טאָג

אַזוי שטייט היינט פאַר מיר אַ טאָג,
אַ בלאַסער גאַסט, אַקעגן מיינע אומרואיקע
ליכטיקע פאַרלאַנגען.
עס ליגט דער פרילינג אויף דער ערד צעשפּרייט,
און דורך די שויבן זעען זיך
שטיינער, בלינדע ווענט אין גרויע סודות איינגעהילט.
עס וועט שוין בלייבן היינט אַזוי דער טאָג.
ס'איז עמיצער די שוועל מיינע פאַרבייגעגאַנגען
און האָט מיך אומעטיק אַזוי נאָר אָנגעקוקט.
ווי אומעטיק עס האָבן אים
באַגעגנט מיינע אויגן!..

ווער קען אונז אויסשטרעקן אַ ריינע האַנט

ווער קען אונז אויסשטרעקן אַ ריינע, שטאַרקע האַנט?
מיר זיינען ביידע קינדער נאָך,
ווי יונגער בוים, מיט צווייגעלע צום לייב,
ווי יונגער טאָג, מיט גאָרער גרויסער וועלט.

און ווייט אַזוי איז נאָך דער וועג,
דער וועג, וואָס ליגט אין סודות איינגעהילט,
וואָס דאַרף דערקלאָרן זיך פון טראָט,
פון אונזער גיין אויף אים.

דאָקטאָר ראָזנבלאַט אין קעמפּ „נייוועלט"

שטענדיק איז גרייט מיט איר האַרציקן שמייכל
די דאָקטאָרשע־פרוי, בא איר קליינינקן הייזל.
און קינדערלעך קומען, און קינדערלעך גייען —
זי וועגט זיי, זי מעסט זיי, זי היילט זיי און ליבט זיי.

און צאַרט איז איר האַנט, ווי אַ גלעט פון אַ בלימל,
און קלאָר איז איר וואָרט, ווי דאָס וואַסער וואָס פליסט דאָרט,
און שטיל איר געמיט, ווי דער טרוים פון די פעלדער,
פאַרוועבט און פאַרשפּונען מיט אַלץ פון אַרום דאָ.

איבער אַלע וועגן מיינע

איבער אַלע וועגן מיינע
שוועבט שוין ווי אַ דינער נעפּל אום פאַרגעסנקייט.
איבער אַלע וועגן מיינע
ליגן טעג און יאָרן — בלעטער גרינע,
אַראָפּגעפאַלן אין אַ שטורעמדיקער נאַכט.
און איבער מיר טורעמט זיך אַ נייע וועלט,
מיט בענקשאַפט צו אַ גרויסן ציל.
נאָר צווישןביידע וועלטן שטייט איצט איינזאַם
אַ מאָרגן־שטערן — צווישן נאַכט און קומענדיקן ליכט.

אַלע וועגן שוין געגאַנגענע — פון פּיין און גליק.
אַלע וועגן
אויסגעטראָטענע מיט מיינע טריט.
וועלן נייע דורות קומען,
וואַנדערן אין פרייד,
ניט ווויסנדיק ווער האָט פאַר זיי
די וועגן אויסגעגלייכט.

צו א נייעם לעבן

פרילינג

צוריק אין די היינטן, אין וועלטן פון פרילינג!
עס טאָגן אוים טעג, ווי וויינטרויבן פולע,
מיט הימלען — אַלבאַסטער, באַהאָפטן מיט שטראַלן,
ביימער באַשפּראָצט מיט גרינינקע פּערל,
הייזער באַצויגן מיט גאָלדענע נעצן,
ערד דורכגעוועבט מיט אַלערליי פאַרבן.
אָ, פרילינג!
אָ, יוגנט, מיט ליבע צעגליטער!
עס וואַרטן אַזוי פיל שוין גרינינקע פעלדער,
עס קלאָרן אַזוי פיל זיך זילבערנע טייכן.
און שיך אויף די פּלייצעס,
אַ פּעקל אין אָרעם,
ברייטקייט אין האַרצן, מיט ווינטעלעך געאָרעמט,
דורך וועגן געקרימטע, מיט וועלדער בא זייטן,
איבער די בריקלעך, הילצענע קרוינען —
ווער וויל מיט מיר שפּאַנען?
ווער וויל מיט מיר זינגען?
ווער וויל זיך איצט קייקלען פון בערגעלעך גרינע?
אָ, יוגנט! אָ, ליבע אין גאָלדענע היינטן!
עס ענטפערן וויטן, עס ענטפערט די ברייטקייט,
עס קומט נאָר איין זון אָן די וועלטן באַלייכטן.
ווער וויל מיט מיר שפּאַנען צו גאָלדענע צייטן?!

מיין ערשטער גאַנג

מיין ערשטער גאַנג דורך דיר, מיין פרילינג-וועלט.
שפרייטסטו אויס די הענט
און נעמסט מיך אויף,
ווי אַ מוטער איר פאַרלאָזטע קינד,
אויף פרישער ערד, אויף פרישע גרינס,
מיט נייעם הייסן זונען-ליכט.

אַ ווייסע ציג, אַ קו, אַ פערד,
אַ חזיר גראָבט זיין מויל אין דר'ערד
און זוכט אַ פרישע זאַך.
אַ פויערטע פון ווייטן לאַכט,
מיט פאַרביק קלייד און טיכל ווייס,
און טרייבט מיט שטעקן דאָרט דעם חזיר אָפּ.

די ערד אין לופטן שמעקט.
די ווייטקייט — אָן אַ ברעג.
אויף דיר, דו זאַמדיק וועג, דורך דערפער, שטעט,
איך רו זיך בא די ביימער אויס.
איך וואָלט געקושט איעדן מענטש —
דעם גרויען נעכטן האָב איך שוין באַוויינט.

איך טו זיך באָרוועס אויס,
מיין פוס דערפילן זאָל דיין וואַרעם ערד.
די האָר איך לאָז דעם ווינטל שפילן זיך,
די נאַקעטע אָרעמס שטרעק איך אויס אין לופט.
ווי איך ליב דיך, וועלט — באַנייט מיט גרינעם זייד,
מיט בלומען פאַרביק, וואָס דו טראָגסט אין שויס.

איך בין אַ מענטשן-קינד פון בלוט און פלייש.
די גרויע שטערבלעכקייט — איך טרעט אויף איר,
און גיי, און גיי
דורך דיר, מיין פרילינגס-וועלט.

צו אַ נייער וועלט

געשווינד, געשווינד, דו בלאַסע וועלטן-קינד,
פאַרהיל זיך אין די טולן פון מיין ראָז באַקלייד...
איך בין דער קומענדיקער היינט.
איך טראָג דיך אין אַ נייער, אויפגעלעבטער וועלט.
עס ציט דער נעכטן שוין דעם נאַכטיק שלייער אַפּ.
אין מזרח טאָגט!

ווייסע וואָלקן-טויבן קומען מיט דער רויטער זון,
צעשפּרייטן זיגעריש דעם גאַנצן מזרח אוים.
פעלדער, וועלדער באָדן זיך אין טוי.
וועלט און וואַסער קלאָרן זיך אין היינט.
איצט, מיין בלאַסע קינד, קוק זיך איין —

דו ביסט דער ציר פון קומענדיקן דור.
עס זינגט אַקעגן דיר די וואַכנדע נאַטור.
געאָרעמט שטייט אַ יונגע פּאָר און גיבן זיך דעם ערשטן קוש.
עס קלאָרט זיך אוים אַ וועלט אין נייעם היינט.
מיר זיינען באַלד באַם ציל.

טרייסט

איך וואַרט אויף טרייסט פון באַגינענדיקער בלוי,
וואָס וועט צעציען אָט דעם שוואַרצן טול פון נאַכט.
איך וואַרט, די שאָטנס, ווי די ווערים אויף דער ערד,
וועלן צעגיין אין צאַפּלענדיקער שרעק.

און ווען איך וועל דערזען
און אויסקלייבן די פאַרב און ליכט אין וועלט,
וועל איך אויפהויבן, ווי צום געבעט, די הענט,
פון מיינע אויגן וועל איך פילן, ווי דער צער פאַרגייט
דורך אויפגעוואַכטער פרייד.

אָ, ליכטיקייט! ס׳איז אַלץ וואָס איז אין מיר.
איך בענק אַזוי נאָך דיינע פאַרבן.
איך גלייך דיך צו מיין זון,
וואָס האָט פאַר זיך די בליענדיקע יוגנט.

און ווען מיין זון דערוואַכט
אין דיין אויסגעטאָגטן וואונדערלעכן לייכטן,
גלייך איך אים צו דיר,
ווייל איר ביידע זיינט דאָך מיינע וועלטן.

שעה'ן

שעה'ן ווי איך שטיי אַזוי צעליכטיקט העל,
אַרויסגעשיילט פון פינסטערניש,
ווי די וועלט אין בליענדן באַגינען.
און וועגן זאַמדיקע, אין ווייט פאַרצויגענע,
חלומען חלומות פון מיין יוגנט.

יעדער טראַט פון מיינע וואַנדערנדיקע טריט
זינגט אַ געזאַנג צו דיר.
פעלד און וואַסער,
וואַלד און ווייטקייט,
מיט דער טיף פון לייכטנדיקן הימל —
אַלצדינג, אַלצדינג זינגט מיט מיר.

וואָס בין איך אין די אָרעמס פון דער וועלט ?
אַ קליינע וועלט פון אָדערלעך געקניפּטע,
מיט טיפן צער און הויכער פרייד,
וואו אַלץ גייט אויף אין וועלטן גרויס,
וואו אַלץ פאַרזינקט אין אייביקייט, אין גאָרנישט...

יעדער טאָג

אין יעטווידן טאָג, וואָס בליט ווי די קנאָספּן
נאָך רעגן,
געטרונקען מיט שיינען
פון אייביקן קוואַל פון דער זון —
אין יעדערן ליכטיקן טאָג דאָ
דערקען איך מיין זיין און מיין ווערן,
און טרינק אָן פון דאָס ניי מיין נשמה
מיט גאָלדענער פרייד פון דער ערד.

און שטענדיק אַזוי וועל איך אומגיין,
באַלאָדן מיט ליכטיקע שיינען,
מיט וואָס יעדער טאָג גרויסט זיך אויס
און לאָזט עס מיר איבער באַם גיין.
און וואו נאָר אַ ווער וועט מיך טרעפן
באַם שוועל פון אַ נאַכטיק באַגינען —
דערקענען אין מיר זאָל ער ווידער
די זוניקע פאַרלאָרענע טעג.

ווי הייליק דו ביסט פאַר מיר, ערד,
מיט אַל דיין טרויער און פריידן!
דו ביסט דער כּוח פון מיין לעבן.
דו ביסט דער טרוים פון מיין זין.
ווער וועט דיך אַמאָל אַזוי קענען,
אַזוי ווי דו ביסט איבערגעבן?
ווער וועט דיך אַמאָל אַזוי פילן
צו אייביקן זיך פאַר דיר?!

די גאָלדענע פּאַווע

דער דיכטערן און פריינט
בערטא קלינג

געפלויגן, געפלויגן די גאָלדענע פּאַווע
איבער יאָרהונדערטער גרויע,
געקלאָגט און געזוכט דעם פאַרלאָרענעם שליסל
צום ליכטיקן, בלויען טויער.

געפלויגן, געפלויגן די גאָלדענע פּאַווע
איבער אַלע שיפן און ימען,
פאַרבענקט און פאַרטרויערט געבעטן די וועלטן —
העלפט מיר צוריק צו מיין מאַמען.

געפלויגן, געפלויגן די גאָלדענע פּאַווע
איבער אָפּגרונטן פינסטערע, שוואַרצע,
דורך פייער, דורך שפּיזן, דורך שווערד און אין קייטן,
פאַרבלוטיקט, צעוואונדיקט, פאַרמאַטערט.

די ליכטיקע פליגלען אַרונטערגעלאָזן,
האָט זי אויף דער ערד שוין געצאַפּלט —
פינסטערע זונען, פינסטערע וועלטן,
מיט שווערע פאַרשלאָסענע טויערס.

נאָר פּלוצלינג אַ בליץ האָט געטאָן איר די זון,
עס האָט זיך אַ טויער געעפנט —
אַ וועלט אַזאַ נייע, און פריי ווי דער סטעפּ,
וואָס עפנט אויף יעדערנס רופן.

מיט וועלדער און טייכן און אוראַלטן-שיינקייט,
וואָס בעט זיך געזאַנג פאַר איר קיום,
און וויל פון איר זיין זאָל אַ וועלט זיך צעבליען
מיט אייביקע פריידן פאַר דורות.

און איצט האָט די גאָלדענע פּאַווע געפונען
דעם שליסל צום בלויען טויער,

מיט אייביקע זונען, מיט אייביקן מדבר,
מיט אייביקע פריידן פון בליען.

פלי זשע אַצינדער, דו וואונדערלעכע פּאווע,
באַשיינט מיט די ליכטיקע טרוימען.
די פאַרביקע פעדערס וועלן ווידער באַצירן
דיין גוף דעם פאַרמאַטערטן, ריינעם.

צוויי נייע וועלטן וועלן דיך שטענדיק
מיט מוטערשע אָרעמס דערוואַרטן:
איינע — די מוטער, דאָס אָרט פון דיין וויגל.
דער גבור, דער פאָטער — די צווייטע.

זיי וועלן אויף שטענדיק זיך געבן די הענט
איבער אַלע שיפן און ימען,
און לייכטן איבער דער גרויער וועלט —
צוויי זונען פאַר דיר אויפגעגאַנגען.

טאָ שטיי אויף דיין וואַך איצט, דו גאָלדענע פּאווע,
היט דיינע וואונדערלעכע טרוימען:
פאַראַנען געוויס נאָך די רויב-פויגל ווילדע,
וואָס ווילן די פליגלען דיר צאַמען.

אַ פרילינגס מאָרגן

די וועלט — אַ גאָלדענער בעכער מיט וויין,
איז היינט אַזוי געשטאַנען.
אויף יעדערנס פּנים אַ שמייכל צעהעלט,
אין יעדערנס האַרצן אַ שטילער חלום.

ווינטעלעך צאַרטע, ווי גלעטנדיקע הענט,
זיינען יעדערן נאָכגעגאַנגען,
דערמאָנט אַזויפיל, געסודעט, דערציילט
און געוועקט די פאַרשלאָפענע יוגנט-פאַרלאַנגען.

די וועלט — אַ גאָלדענער בעכער מיט וויין,
האָט היינט זיך אויסגעלייטערט.
נאָר איינער אין איר האָט געגאָסן סם,
דער צווייטער — זיין האָפן, זיין הייליק געזאַנג.

ווער וועט אויפהויבן דעם בעכער מיט וויין,
ווי אַ ברכה פאַר יעדן מענטשן?
צי וועט מען איר זינגען פון בלוטיקייט?
צי וועלן זי דורות פאַר פרידן בענטשן?

— — — — — — — — — — —

חלומות אָנגעשוואומענע פון טיפע בלויע הויכן,
סודות אָנגעקומענע פון נעפלדיקע ווייטן
גלעטן אין די ווינטעלעך, ווי הענט פון צאַרטע מאַמעס.
עס וועלן אויפהויבן דעם בעכער וויין
די הענט — פאַר פרייד פון דורות!

צו אַ נייעם לעבן

די צוזאַמענגעפּרעסטע פינסטערע נאַכט
האָט זיך אַ טרייסל געטאָן,
זיך צערוקט
און זיך פאַנאַנדערגעלאָזן —
ווי אַ פּולער טעאַטער
אין לעצטן אַקט, באַם לעצטן וואָרט.

בלויקייט האָט אַן אָטעם געטאָן
און אַלץ אין בלויען פאַרשלייערט,
און געצייכנט דאָס דאָאיקע,
דאָס גרויסע מעכטיקע —
די וועלט! —
און געקלאָרט זיך פאַמעלעך דורך רויטינקע פליטערס.

און ווידער איצט גיי איך דורך נאַכט צו דיין ליכט, וועלט,
ווי מיט קינדערשע טריט אין אָנהויב פון לעבן.
אַלץ איז מיר טייער,
צו אַלץ ווילט זיך בעטן.
ס'איז פול, אַזוי פול מיין פאַרבענקטע נשמה
מיט וויינענדיקע פריידן,
צום גרויסן נאָך־קומענדיקן לעבן.

אינהאַלט

אַריינפיר ווערטער

זייט

צווישן אייגענע — 5

פון טיפן הארצן — 10

ערשטע סעריע: צער און בענקשאַפט

זינג וועלט — 11

מיין פאָלק — 12

מיין שטעטעלע גאָרדז א מצבה — 13

לידער מיינע — 14

זיין — 15

ווי קען איך פארגעסן — 16

פרילינג — 17

איך טראַכט פון דיר — 18

שטילקייט — 20

בענקשאַפט — 21

אייביקער ליטווישער חלום — 22

מיין מאַמען — 23

די בעקערקע שרה — 24

איך צינד די ליכט פאר אייך — 25

שטילער פארנאַכט — 27

א בלוטיקע לבנה — 28

מיר אליין — 29

רוזוועלט רוט — 31

זיבן יונגע מיידלעך — 32

די באַלאַדע פון א געטאָ־אויפשטאַנד — 36

איר וועט זיי דערקענען — 40

שיך — 41

גאָט — 42

יזכור — 43

זייט

טעגלעכעס — 44
צום ארבעטער — 47
גיין און קומען — 49
חלומות אין הארבסט — 50
וועד קען זאָגן — 55

צווייטע סעריע: דראַמאַטישע פּאָעמען און לידער
(אויסצוגן פון „מענטש און צייט")

ערשטער טייל (צווישן טאָג און נאַכט) — 57
צווייטער טייל (דער בלוטיקער פּאַראַד) — 64
דריטער טייל (געפּאַנגען) — 78

מלחמה

ערשטער טייל (דיפּאַ און האַנע) — 96
צווייטער טייל (נאַכט) — 103
אונטערוועלט — באַ די שדים — 105
דריטער טייל (צווישן נאַכט און טאָג) — 115
פערטער טייל (פרימאָרגן אויפן פעלד — 125

דריטע סעריע: אין שטילע זומער-נעכט

דער אייביקער טרוים — 131
די נשמהלע — 136
דער מאַמעס טרער 140
כוח און צאַרטקייט — 143
דעם טאַטנס הוסט — 148

פערטע סעריע: יוגנט לידער

ליגן וועלטן אין דער נאַכט — 151
איך וויים קיין יאָרן ניט — 151
היינטן — 152
פרילינג — 155
מיט אַזאַ שיינעם טאָג — 156
אַזוי ווי דאַנטע מיט ביאַטריסע — 157
הויף מיט געסלעך — 158
מיט די ערשטע פרילינגס ווינטן — 158
איך האָב ליב אויפן פעלד די בהמות — 159
אין צעבליטן מאָרגן — 160
ס'איז דאָ אַ זון און אַ רעגן — 161
באַם ברונים — 162

זײַט

דרייט די ערד זיך ווי א קנויל — — — — — — — — — — — 163
איך בין יונג — — — — — — — — — — — — — — — — 164
א זומער-רעגן — — — — — — — — — — — — — — — 165
אין דאָרף — — — — — — — — — — — — — — — — — 166
באם טייך — — — — — — — — — — — — — — — — 167
צו דיר האָב איך געוואָלט — — — — — — — — — — — 168
רייטן מיר אהיים — — — — — — — — — — — — — 169
איך בין א שמעטערלינג — — — — — — — — — — — 171
איך בין א ציגעלע — — — — — — — — — — — — — 171
צום הארבסטיקן פעלד — — — — — — — — — — — — 172
טאנצן וויל איך לעבן שפיגל — — — — — — — — — 172
איך בין ארויס — — — — — — — — — — — — — — 173
הארבסט — — — — — — — — — — — — — — — — — 173
נאכט — — — — — — — — — — — — — — — — — — 175
אויפן טיש די עלנבויגנס — — — — — — — — — — — 176
שטילקייט — — — — — — — — — — — — — — — — 177
ווינטער — — — — — — — — — — — — — — — — — 178
עפן, וועלט, דיינע אָרעמס — — — — — — — — — — 179

פינפטע סעריע: אויף ליטווישער ערד

א קינדעלע ביסטו, מיין ליטווישע היים — — — — — — — 181
דעם ערשטן טראָט — — — — — — — — — — — — — 182
איך ווייס אַליין ניט — — — — — — — — — — — — 183
און ווער איך זאָל ניט זיין — — — — — — — — — — 184
מיט דיר — — — — — — — — — — — — — — — — 185
א רייפער ווײַנטרויבל — — — — — — — — — — — — 186
איך וועל שטיל זיין ווי דו — — — — — — — — — — 187
דו ביסט פאר מיר דאָ — — — — — — — — — — — 188
און נאָך א בלאָסע — — — — — — — — — — — — 189
געוויטער — — — — — — — — — — — — — — — — 190
קאָטשערגינע — — — — — — — — — — — — — — 192
טריט אין טריט — — — — — — — — — — — — — 193
בא דער שוועל פון מיין הויז — — — — — — — — — 194

זעקסטע סעריע: אויף קאַנאַדער ערד

מיט דער שיף „אנטאָניע“ — — — — — — — — — — — 197
אומעט — — — — — — — — — — — — — — — — — 198
טעג — — — — — — — — — — — — — — — — — — 199

זייט

פארנאכט — 200

איך ווארט אויף ארבעט — 201

הארבסטיקע מארגנס — 202

אזוי בלייב איך שטיין — 203

שניי מיט רעגן — 204

א רויטער גראנאט — 205

אין פאבריק — 206

א שנייאיקער באגינען — 207

דער מארגן — 208

אזוי שטייט היינט פאר מיר א טאג — 209

ווער קען אונז אויסשטרעקן א ריינע האנט — 210

דאקטאר ראזנבלאט אין קעמפ „נייוועלט" — 211

איבער אלע וועגן מיינע — 212

זיבעטע סעריע: צו א נייעם לעבן

פרילינג — 213

מיין ערשטער גאנג — 214

צו א נייער וועלט — 215

טרייסט — 216

שעה'ן — 217

יעדער טאג — 218

די גאלדענע פאווע — 219

א פרילינגס מארגן — 221

צו א נייעם לעבן — 222